STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01844

AMOL UN HAYNT

Leah Benson-Rink

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאה בענסאן-רינק

I.

אַמאָל און היינט

(דערציילונגען)

II.

אויסגעטונקט אין טרערן

(לידער אויף דעם קבר פון אַ זון)

פאַרלאַג „קינדער"
— קייפּטאָן —
1963 — תשכ"ג

AMOL UN HAINT
(SHORT STORIES)

OISGETUNKT IN TRERN
(VERSE)

— By Leah Benson-Rink —

PUBLISHED BY " KINDER "
CAPE TOWN, 1963

24558

צום ערשטן יאָרצייט—
אַ מאַמע־טרער
אויף דעם קבר פון
מיין זון אליהו

האָסט דיין לעבן אָנגעוואָרן
אין די בליענדיקסטע יאָרן —
וועל איך אייביק נאָך דיר בענקען,
וועל איך אייביק דיך געדענקען!

פאַרשווונדן דיין ליכט,
דיינע יונגע טעג,
מיר טראָגן דיך אין זיך
ביזן סוף פון אונדזער וועג.

(מצבה־עפּיטאַף)

פאריתומטע משפּחה :

דאינע (דינה) — פרוי,
שערל (שושנה יהודית) — טאָכטער,
דוד — זון.

ברידער :

עזריה (ערנעסט),
יחיאל (מילטאָן).

מוטער :

לאה.

אליהו (עריק) בר׳ סיני־לייב רינק

נפטר געװאָרן זונטיק, דעם 9טן סעפּטעמבער, 1962
(י׳ אלול, תשכ״ב)

לאה בענסאָן־רינק (געב. מאַלער)

קומט פון טעלז, ליטע. שטאַמט פון א באקאנטער יידישער משפחה. איר ברודער, מאָטל, איז געװען איינער פון די פּאָפּולערסטע לערער פון די „קולטור־ליגע״־שולן אין די 20קער יאָרן. ער איז אומגעבראכט געװאָרן אין טויטן־לאַגער פּאָנאַר, ביי װילנע, הי״ד.

אינהאַלט:

I.
אַמאָל און היינט — דערציילונגען

אַמאָל . . . 9
די ירושה 12
זון און עלטערן 17
פאָטער און טעכטערל 21
פון מלחמה געקומען 26
אין פרעמדקייט 33
אַ פאַרשפעטיקטע באַגעגעניש 37
די נייע מאַמע 40
דער װעג צוריק 44
דער אַלטער טאַטע 49
דער דאָקטאָר פון עקסידענטן 52
אין פאַרגעסנקייט 57
רבקהלע 60
אַ ניי לעבן 63
העלפט קאָרמען דאָס קינד (הומאָרעסקע) 67

II.
אויסגעטונקט אין טרערן — לידער

מאָטאָ 70
נייע לידער ; טאָג נאָך טאָג 71
דרייסיק יאָר שפעטער ; פאַרװאָס ? מיין בוים 72
פרילינג אין טרויער ; די פרייד נאָך דיר... 73
מיין ליכטיק בלאַט ; מיין פריינט האָט מיר געזאָגט... ; מיין אוצר 74
צו װאָס ? דריי געטרייע, גוטע ברידער 75
זאָגט מיר ; זעקס און פערציק יאָר פאַרשאָטן 76
נישט דערלעבטע טעג ; שקיעה 77
אין װיי און טרערן 78
זיך פאַרשפילן װי אַ קינד... גראַמען 79
איך קום צו דיר צוגיין... מיין זונס קול 80
אַװעק אַ יאָר 81
די מצבה ; נאָך דער יאָרצייט 82
חאַכערהייט ; דאָס לעצטע ליד 83
מיין חלום 84
אויף דעם עראָפלאַן א. ב. 85
מיין זונס קבר ; יאָרן 86
מיינע טרויער־לידער ; אַ טיר 87

אַמאָל . . .

שבועות ביינאַכט.

אברהם הירש זיצט אליין ביים וואָכעדיק געדעקטן טיש און פּאַר זיינע אויגן הייבט זיך אויף דער פאַרהאַנג פון פאַרגאַנגענהייט. אַט קוקט גלייך ארויס צו אים אַ טייער פּנים, אַ ליבע געשטאַלט, וואָס ער נעמט זי טיף אין האַרצן אריין. זי קוקט צו אים ווי פון אַ נעפּלדיקער ווייט...

דאָס מענטשלעכע וואָרט איז צו אָרעם, דאָרט ווו עס קומט אויס דורכצופילן אין געדאַנק די טיפע, אינטימע, פערזענלעכע איבערלעבענישן פון טרויער, פון ליבשאַפט און פון טויט פון אַ נאָנטן, בפרט פון זיין פייגע הינדען, אין מאָמענטן פון אומעט, ווי איצט.

פיין און איינזאמקייט האָבן אָפּגעגריזשעט אַ סך יאָר פון זיין לעבן, זינט זיין פייגע הינדע איז אוועק פון דער וועלט.

דאַכט זיך, ערשט נעכטן איז דאָס געשען: אין די שטובן האָבן אַלע לאָמפּן געברענט. דער ראַדיאָ־קאַסטן האָט געשפּילט מיט געקלאַפּערײ און געטומל. יונגוואַרג, די אייגענע און די פרעמדע, וואָס פלעגן קומען צו זיינע קינדער, האָבן געטאַנצט, געזונגען און געלאַכט. און איצט איז דאָס אָפּגעהאַקט געוואָרן, בלויז א וויטער אָפּקלאַנג איז פון יענעם שטוביקן געפילדער פאַרבליבן.

אברהם הירש הערט נאָך איצט דאָס קלאַפּן פון וואַנט־זייגער, וואָס ציילט אויס האַרט און קאַרג מינוטן און שעהן פון לעבן. דעמאָלט פלעגט פאַלן שווער דער טומל, איצט ציט זיך א טויטע שטילקייט פון ערגעץ צו ערגעץ ווייט, וויט אוועק. נאָך דעם ציען זיך אזוי לאַנגזאַם גראָע שווערע טעג, וואָס ווערן פאַר־שלונגען אין שלאָפלאָזע לאַנגע נעכט...

אין די דאָזיקע נעכט בייטן זיך פאַר זיינע אויגן כסדר אַנדערע בילדער: אָט האָבן די קינדער חתונה געהאַט, ווי צייטיקע עפּל אראָפּגעפאַלן פון בוים און זיך אַוועקגעקייקלט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. ווייזט זיך אים אויס, אז זינט ער איז געבליבן אליין איז דאָס הויז געוואָרן גרעסער און ער אליין, ווי א פאַרדאַרטער צווייג, הענגט נאָך מאַכטלאָז אראָפּ פון אַ בליענדיק גרינעם בוים, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין אלע זייטן. זיצט ער איינזאַם אין ווינקל פון גרויסן פראָנט־צימער און טראַכט אריין אין רויך פון זיין סיגאַרעט...

פלוצלינג הערט ער גאָר זיין ווייבס שטימע:

„אברהם הירש, וואָס טוסטו?"

„אָט, גאָר ניט, איך זיץ און טראַכט", קלינגט אָפּ צו אים, ווי אַן עכאָ, זיין אייגן קול.

„צו וואָס טראַכסטו? און וואָס שווייגסטו? זינט די קינדער זיינען אוועק איז אזוי פּוסט און אומעטיק געבליבן. דו ביסט אזוי פאַר זיך... מען הערט פון

דיר אַ גוט וואָרט ניט, ניט אַ שמייכל אויף דיין פּנים; אַמאָליקע יאָרן פלעגסטו דאָך ניט אָפּטרעטן פון מיר, אייביק זיין נאָענט, זיך אַלץ אונטער די הענט פּלאָנטערן" — —

און ער זעט פאַר זיינע אויגן ווי די אונטערשטע ליפּ נעמט איר ציטערן און זי העקלט אַרייַן אַ טרער אין דעם יאַקעלע, וואָס זי שטריקט פאַרן אייניקל....

זיין האַרץ פאַרפרעסט אים: טאַקע פאַר וואָס איז ער ניט געווען מער ליבלעכער? פאַר וואָס איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט?

„קינדער", פלעגט פייגע הינדע זאָגן האַלב צו זיך, און ער הערט איצט ווידער איר טענה, „זיי זאָלן כאָטש אָפּטער אָפּטעלעפאָנירן וואָס די אייניקלעך מאַכן, פרעגן וואָס, ווען? גאָר ניט! איין מאָל אין וואָך זען זיך איז גענוג פאַר זיי".

„לאָז זיי צורו!" הערט ער זיין אייגענעם ענטפער, „קינדער האָבן זייער אייגענעם לעבן מיט זייערע אייגענע זאָרגן. פאַרטאָג, פאַרנומען אַליין מיט קליינע קינדער, קאָנסט זיי צו זיך ניט צושמידן. אַ פייגעלע וואַקסט אונטער, פליט זי אויך אַוועק פון נעסט..."

אברהם הירש שטייט אויף פון זיין שטול, שפּאַנט איבערן צימער מיט שווערע, מידע טריט. די טריט דערציילן פון אַ לאַנגן, באַרג־אַרויפיקן וועג וואָס ער איז אָפּגעגאַנגען. אין יענע יאָרן איז אפילו קיין צייט ניט געווען צוצוטוליען אַ קינד צו זיך; אַ טראַכט טאָן, ווי בינדט מען זיי צו נענטער. דער קאָפּ איז שטענדיק געווען פאַרדרייט מיטן פאַרדינען אויף אַ לעבן, מיט שווערע אַרבעט, מיט גרויסע און קליינע צרות און דערווייל זיינען געבליבן די קינדער ווייט און פרעמד. און ווי שטאַרק ער וויל זיך איצט מיט זיי צוזאַמענריידן, צוזאַמענלעבן, בינדט זיך עס נישט. ער טראַכט אָפּט וועגן דעם, ליגט גאַנצע נעכט וואָך מיט אַ צעוויייטיקט האַרץ און אַ סך זאַכן הייבן דאַן אָן ווערן קלאָר פאַר אים, נאָר עס איז שוין צו שפּעט...

דער איינציקער טרייסט איז דעמאָלט געווען, וואָס די קינדער פלעגן אַ שבת צי אַ יום טוב קומען צו די מאַלצייטן. פייגע הינדעס אויגן פלעגן אויפגלאַנצן מיט גליקלעכע טרערן. עס פלעגט ווערן פריילעך, ווי אין די יונגע יאָרן, אָט טאַקע, ווי מען וואָלט צוריקגערוקט די צייט.

„פייגע הינדע, ווערסט דאָך פאַלן פון די פיס! אויב זייער קומען דאַרף מען זיך ביי זיי סיעודי איינבעטן, טאָ זאָלן זיי בלייבן געזונטערהייט אַהיים. דו רייסט זיך אונטער דיין געזונט", פלעגט ער זיך בעטן ביי איר.

„נו, בין איך דען ניט גערעכט געווען?" זיפצט אברהם הירש אָפּ מיט אַ טיפן קרעכץ.

ביז איין טאָג האָט זי ניט געקאָנט אויפשטיין פון בעט. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען דער ביטערער סוף. דאָקטוירים, מעדיצינען, שפּיטאָלן. די קראַנקייט האָט זיך פאַרצויגן. שטאַרק אומרואיק זיינען די קינדער געוואָרן און זיי פלעגן קומען בייטאָג און ביינאַכט. פייגע הינדע איז לאַנגזאַם בעסער געוואָרן, ביז זי האָט געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט. און די קינדער האָבן אָנגעהייבן קומען זעלטענער; אפילו טעלעפאָנירט אַלץ זעלטענער און די מאַמע איז פאַרגאַנגען פון בענקשאַפט און וויי.

אין שטוב לייגט זיך אויס אַ שטילקייט. פון ערגעץ קען מען הערן דאָס זשומען פון אַ פליג און דאָס רעגלמעסיקע פאַלן פון אַ טראָפּן וואַסער פון אַ רינענדיקן קראַן.

אברהם הירשס זיכרונות פירן אים ווייטער און ברענגען אים ביז צו דעם טרויעריקסטן טאָג פון זיין לעבן:

פרייטיק פרי איז דאָס געווען. פייגע הינדע איז שטיל ארויס פון הויז, ווייל ער איז נאָך געשלאָפן. שפּעטער, אין מאָרגן, איז זי געקומען פון מאַרק באַלאָדן מיט פּעק. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען פייגע הינדען אריינקומען. דאָס פּנים אירס האָט פריילעך געפלאַמט און זי האָט שולדיק געשמייכלט.

„פייגע הינדע! האָסט שוין פאַרגעסן וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר פאַרזאָגט? ווילסט זיך אומברענגען? שוין פאַרגעסן ווי קראַנק דו ביסט געווען?“

פייגע הינדע האָט אפילו ניט געענטפערט, נאָר גענומען אויספּאַקן די זאַכן. און דאַן איז זי געוואָרן פאַרטאָן אין דער אַרבעט, געקאָכט און געבאַקן אַ גאַנצן טאָג. און אין אָוונט, ווען די קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז זי געווען אויסגעפּוצט און געשיינט מיט א גליקלעך שמייכל אויף איר פּנים.

אין הויז איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, טומלדיקער, פריילעכער. און פייגע הינדען האָט זיך אויסגעוויזן, אז די ווענט זינגען, אז די לאָמפּן ברענען יומטובדיקער און העלער ווי שטענדיק. זי האָט ארומגעשמייעט אַ פריילעכע און אַ גליקלעכע און דערלאַנגט יעדן צום מויל פון די גוטע זאַכן. נאָר ווען אַלע האָבן געגעסן, געלאַכט און געשטיפט האָט זי שוין אויף אירע פיס מער ניט געקאָנט שטיין און זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. זי האָט זיך אָבער אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פאַל, אז די קינדער האָבן זיך דערשראָקן. די פריילעכע שטימען האָבן זיך מיט אַמאָל איינגעשטילט, און דער העלער שיין פון די לאָמפּן האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט טונקעלער געוואָרן. די קינדער האָבן די מוטער געטוליעט צו זיך, ווי אַ צאַרט קינד, און זי לאַנגזאַם צוגעפירט צום בעט...

פאַר אברהם הירשן האָט מיט דעם מאָמענט דאָס לעבן זיך אָפּגעהאַקט. אָבער איצט דרייען זיך, דוכט זיך, די רעדער פון לעבן ווייטער און מען פאַרבעט דעם טאַטן צו יעדן שבת און יום טוב, ביי יעדן קינד באַזונדער.

היינטיקער שבועות איז אָבער אויסגעפאַלן אין א מיטן וואָך, דינסטיק, און די קינדער האָבן אָפּנים פאַרגעסן אז היינט איז יום טוב.

ווען אברהם הירש איז אריינגעקומען און געפרעגט די דינסט צי עמעצער פון די קינדער האָט טעלעפאָנירט איז דער ענטפער געווען ניין. אברהם הירש האָט אַ פאַרקלעמטער אָפּגעגעסן זיין וואָכעדיקן מאָלצייט און אזוי געבליבן זיצן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און דעראינערונגען, און דורכגעלעבט די פאַרגאַנגענע צייט...

דער לאָמפּ שיינט קאַרג פון אונטער דעם טונקעלן אַבאַזשור. די שאָטנס אויף די ווענט קרימען נאָך דעם אַלטן אברהם הירשן. און אברהם הירש דערשרעקט זיך פּלוצלינג פאַרן אייגענעם שאָטן, און אזוי אין דעם אָנטועכץ, אַ מידער, מיט טרערן־באַנעצטע אויגן טוט ער זיך אַ וואָרף אויף זיין בעט און דער אומעט שלעפּערט איין זיין אַלט־אויסגעמאַטערט האַרץ.

די ירושה

לאַניע האָט אַ פאַרזאָרגטע ארויסגעקוקט דורכן באַן־פענצטער. אָפּוועגנדב־דיק אויף אַ רגע אירע אויגן פון דער לויפנדיקער לאַנדשאַפט האָט זי אַ בליק געוואָרפן אויף איר יינגערער שוועסטער, מאַשע, וועלכע איז געזעסן מיט איר מאַן גרשון אַנטקעגן איר. מיט אַן איינגעהאַלטן געלאַסענע שטים האָט זי זיך צו איר געווענדט:

„מיר מוזן באַשליסן וואָס צו טאָן. דער מאַמעס בריוו, ווו זי פאָדערט אונדז אויף אז מיר זאָלן איר אַלע באַזוכן, מאַכט מיך אומרואיק. איך בין גרייט צו אָפּפערן פון מיין באַקוועמלעכקייט פאַר אונדזער מאַמען, אָבער איך מיין אז מיט דיר, מאַשע, וועט זי זיך פילן אַנגענעמער, פיל בעסער".

מאַשע האָט אַ שטראָם געטאָן מיט אַ מבול רייד, ווי זי וואָלט זיך געזוכט צו באַרעכטיקן:

„אָבער סאָניע, דו ביסט שטענדיק געווען באַליבט ביי דער מאַמען מער פון מיר. איך מיט דער מאַמען פלעגן זיך אָפט איבערווערטלען. איך ווייס, אז איך בין ניט אזוי גוט ווי דו, און פאַר דער מאַמען וועט זיין צו שווער צו פאַרטראָגן אַ הויז מיט טומלדיקע קינדער. איך וואָלט זיי מוזן האַלטן שטיל און ניט לאָזן זיך פריי באַוועגן; גרשון וואָלט אפילו זיין צופרידן אָפּצוגעבן זיין קליינעם ארבעטס־צימער. מיט דיר, אָבער, אין אַ מאָדערנער וווינונג, ווייט פון דער גרויסער אַלטער הויז, ווו זי האָט אזוי פיל יאָרן געליטן ביים אויפפּאַסן אונדזער קראַנקן טאַטן — דאָס וואָלט זיין דער איינציקער ריכטיקער וועג. זי וועט אַ ביסל פאַרנומען זיין דיך אויפצופּאַסן, וועט זי זיך ניט פילן אזוי איינזאַם און עלנט".

„איך דאַרף ניט מען זאָל מיר באַדינען און אויפפּאַסן", האָט סאָניע באַ־ליידיקט געענטפערט.

„דו וועסט עס אין גיכן יאָ באַדאַרפן, זייענדיק איינע אליין און ארייב־וואַקסנדיק אין דער עלטער... דאָס זיין מיט דער מאַמען צוזאַמען וועט דיר געבן אַ באַזונדערן אינטערעס — זאָרגן פאַר אַ צווייטן אויך, ניט נאָר פאַר זיך אליין", האָט מאַשע ווידער געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר דער מוטערס גיין צו דער ניט חתונה־געהאַטער סאָניען.

„אויב דו ביסט אזוי קלוג, מיין שוועסטער, דאַרפסטו פאַרשטיין, אז ווען אַ פאַרעלטערטע טאָכטער דאַרף לעבן מיט איר מוטער — אַן אלמנה — איז עס ניט קיין פריילעכער סימן און ניט קיין גוטע צוקונפט... דערפאַר וואָס איך בין ניט פאַרהייראַט דאַרף מען נאָך ניט מיינען אז איך בין אומבאַהאָלפן". סאָ־ניע האָט גערעדט אין אַן אויפגערעקטן טאָן.

„ניין סאָניע, איך מיין דיר ניט צו באַליידיקן און דארפסט ניט אזוי בייז

ריידן. מיט דעם דריטל, וואָס דער טאַטע האָט פאַר יעדן פון אונדז געלאָזן, קאָנסטו לעבן גאַנץ באַקוועם, און צוויי פרויען צוזאַמען קאָנען זיך נאָך בעסער איינטיילן. עס איז פאַר מיר שווער, מיין דריטל קאָן צו לאַנג ניט קלעקן. מיין מאַן דאַרף איצט אַ נייעם אויטאָ, און די קינדער וואַקסן אונטער. אָבער דו — קאָנסט דערמיט דיין לעבן לייכטער מאַכן און ווינציקער אַרבעטן", איז מאַשע באַשטאַנען אויף דאָס איריקע.

„ערשטנס, וויל איך אַליין פאַרדינען און זיין פריי, צווייטנס, האָבן מיר קיין רעכט ניט אַליין עפּעס צו באַשליסן, ביז מיר הערן ניט דער מוטערס פאַרלאַנג. אפשר וועט זי וועלן פאַרבלייבן אין הויז מיט די פריילעכע דעראינערונגען פון אירע פאַרגאַנגענע יאָרן. אַלטע מענטשן פילן אַ באַדערפעניש דורכצולעבן אין זייערע זיכרונות די אַלטע צייטן, וואָס זיינען פאַרשוואונדן. אָרעמע מוטער! ווען איך דערמאָן זיך, ווי מיר האָבן זי איבערגעלאָזן אַליין באַלד נאָך דעם טאַטנס טויט, קאָן איך זיך ניט פאַרגעבן", האָט טרויעריק סאָניע פאַרענדיקט די רייד צו איר שוועסטער.

גרשון האָט זיך באַקוועמער געמאַכט אויפן ווייכן באַנק און זיך אריינגע־מישט אין שמועס פון די שוועסטערס מיט דעם טאָן פון אַן אויטאָריטעט:

„וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן אַזוי פיל? וועגן וואָס קומט איר ביידע ניט צורעכט? וואָס איז דער אונטערשייד מיט וועמען אייער מוטער איז געווען? עס אז אָבער איצט פיל בעסער, וואָס די שכנים האָבן זי איינגעלאַדן צו זיין מיט זיי אַ פּאָר וואָכן — און גענוג זיך אַמפּערן וועגן נאַרישקייטן! די מוטער האָט אונדז אַלעמען געבעטן קומען, און ס'איז לייכט צו פאַרשטיין פאַר וואָס: זי וויל פאַרענדיקן אַלע פינאַנציעלע נאָכבלייבענישן, עלטערע פרויען האָבן קיין גע־דולד ניט... זי וויל אויך אז אַ מאַן פון דער פאַמיליע זאָל געבן די ריכטיקע עצה און נעמען אַנטייל אין די באַשלוסן, דערפאַר האָט זי געפאָדערט אז מיר זאָלן אַלע צוזאַמען קומען", האָט גרשון פאַרענדיקט, אונטערשטרייכנדיק אַלע צו־זאַמען, עס זאָל קלאָר זיין, אז ער געהערט אויך ניט ווייניקער ווי די טעכטער צו דער משפחה.

* * *

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, איז שוין די קליינע פיגור פון דער מאַ־מען, מיט אירע שיינע, ווייסע האָר, געשטאַנען אין טיר און פריינדלעך אויפ־גענומען אירע קינדער.

סאָניע איז די ערשטע צוגעלאָפן צו דער מוטער, זי געקושט און געפילט ווי אין אירע קינדערשע יאָרן, ווען זי פלעגט קומען פון שול, אריינלויפן אין הויז, ארומנעמען דער מאַמען און באַלד זיך צוכאַפּן צום געדעקטן טיש מיט די באַליבטע געריכטן.

„אָ, מאַמע טייערע! אַט זיינען מיר אַלע געקומען!"

„מיר פרייט וואָס איר זייט געקומען", האָט די מאַמע געזאָגט אַ גליקלעכע.

נאָך די ערשטע באַגריסונגען און קושענישן, האָט זי זיי געהייסן זיך אָפּ־רוען אַ ביסל, זיך מאַכן באַקוועם און זיך זעצן צום טיש עסן.

„איך האָב צוגעגרייט דאָס עסן לויט יעדנס געשמאַק. נאָכן עסן וועלן מיר ריידן וועגן דעם, צוליב וואָס איך האָב אייך ארויסגערופן צו מיר — דאַן איז

גרינגער צו באַנעמען און פאַרשטיין זאַכן". האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„מאַמע, וואָס מיינסטו מיט דעם?" האָט מאַשע זיך ניט איינגעהאַלטן.

„נאָכן עסן, נאָכן עסן, טייערע קינדער מיינע, זעצט זיך גלייך צום טיש! איך וועל גיין אין קיך זען צי אַלץ איז שוין גרייט?" האָט די מאַמע געזאָגט אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג און ארויס פון צימער.

„די מאַמע זעט גוט אויס, דו ביסט אומזיסט געווען אומרואיק, סאָניע. דאָ איז אלץ אזוי שיין, רייך און אַנגענעם. איך בין זיכער אז דו וועסט אויסגעפינען אז דיין פליכט איז צו זיין צוזאַמען מיט דער מאַמען", האָט מאַשע געזאָגט אין דער קורצער רגע פון דער מאַמעס אָפּוועזנהייט.

ווען אַלע זיינען געזעסן ארום טיש, האָט גרשון אויסגערופן מיט דער זי־כערקייט פון א באַלעבאָס:

„געוויס איז בעסער נאָכן עסן זיך דורכצוריידן וועגן אלע איינצלהייטן און איך וועל שוין אַלץ אויסגלייכן, זאָרגט זיך נישט"!

„מאַמע, איך האָב געזאָגט סאָניען, אז וואָס עס פאָדערט זיך איצט איז, אז זי זאָל קומען זיין מיט דיר צוזאַמען, אָדער דו זאָלסט אריבערפאָרן אין שטאָט — זיין מיט איר", האָט מאַשע זיך ארויסגעכאַפּט מיט אַן עצה צו דער מאַמען, כדי צו אונטערשטיצן איר מאַנס פּאָזיציע.

„עסן צו ערשט! ניט איין וואָרט, קינדער, ביז מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס עסן".

„מאַמע, מעג איך דיר עפּעס פרעגן?" האָט סאָניע מיט פאַרדרוס אַ פרעג געטאָן.

„סאָניע, מיין מאַן זאָגט, אז די מאַמע מוז אליין באַשליסן, טאָ זיי שטיל און לאָז דער מאַמען עסן רואיק", האָט מאַשע זיך ארויסגעכאַפּט, צו ווייזן דער מאַ־מען איר גינציקייט.

„באַשליסן וואָס?" האָט די מוטער אַנגעשטעלט פאַרוווּנדערטע אויגן אויף מאַשען.

„„מאַמע, עס איז אונדזער פּראָבלעם וועגן דיר, וואָס פאַר דיר וואָלט זיין בעסער", האָט מאַשע זיך אָפּגערופן, אַ ביסל ניט זיכער צוליב דער מאַמעס בליקן.

„וואָס פאַר אַ פּראָבלעם? וואָס ווילט איר טאָן?" האָט די מוטער זיך גע־וווּנדערט, „איך האָט ניט געוואָלט אָנפאַנגען דעם ענין פאַרן עסן. אייער טאַטע פלעגט זאָגן, אז מען דאַרף ריידן אין דער צייט און מיט אַ מאָס, נו, עס איז שוין פאַרפאַלן, איך וועל בעסער זאָגן אייך איצט, ווייל איך זע ווי נייגעריק איר זייט: דאָס איז וועגן דער ירושה, וואָס אייער טאַטע האָט געלאָזן צו דריטל פאַר יעדן פון אונדז. די צוואה איז געווען געמאַכט ווען איר ביידע זייט נאָך געווען אין דער היים; איצט, מאַשע, ביסטו פאַרהייראַט, דיין מאַן פאַרדינט גוט און דו, סאָניע, ביסט פיין איינגעאָרדנט, נאָכן ענדיקן דיין קורס אין אוני־ווערסיטעט".

„מאַמע", האָט מאַשע איבערגעהאַקט דער מאַמעס רייד, „אויב דו מיינסט, אז דו קענסט מיט דיין דריטל ניט אויסקומען, וואָלט איך געוויס צופרידן גע־ווען דיר אָפּצוגעבן א ביסל פון מיין חלק, אָבער דאָס וואָלט דאָך זיין ווי צוגע־

גומען פון מיין מאַן מיט די קינדער, איז בעסער — ווען סאָניע קומט זיין מיט דיר. צוזאַמען קומט אויס דאָס לעבן ביליקער, געוויס! מיר האָבן שוין כמעט אזוי באַשלאָסן".

„איר זייט אַלע אזוי גוט צו מיר... איך בין געוויס געווען צופרידן וואָס מיי־נע טעכטער וועלן זיין פאַרזאָרגט מיט אַ גאַנץ פיין פאַרמעגן, קריגנדיק יעדערע איר דריטל!"

און די אַלטע מאַמע האָט אָנגעהייבן דערציילן:

„ווען איך האָב אָבער דורכגעקוקט אייער טאַטנס פּאַפּירן האָב איך גע־פונען אַ צוואייטע צוואה, ווו ער לאָזט אַלץ איבער נאָר פאַר מיר אליין. איצט בין איך מאכטלאָז וואָס צו טאָן פאַר איך, ווייל עס איז דערביי צוגעשריבן, אז איך טאָר עס ניט צעטיילן צווישן די קינדער ווי לאַנג איך לעב. אָרעמער פאָ־טער!" זי האָט פאַרענדיקט און מיט נייגעריקע בליקן געקוקט אויף די טעכטער.

גרשון, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי פּלוצלינג אין טרויער פאַרזונקען, האָט שטיל געפרעגט:

„די פראַגע איז, צי איז עס לעגאַל? אפשר האָט ער דאָס טאַקע אליין אָנ־געשריבן, ווייל אַ קראַנקן, ליידנדיקן מענטשן קאָן דאָך אַלץ איינפאַלן?"

„עס איז אַלץ לעגאַל, דורך אַן אַדוואָקאַט און מיט עדות", האָט די מוטער אָפּגעמאָסטן מיט אַ פילדייטיקן בליק איר איידעם.

„און איך האָב געמיינט אז עס רעדט זיך וועגן מער געלט", האָט מאַשע אַן אנטוישטע געמורמלט, „אָבער איצט מוזן מיר נאָך מער וועגן דיר זאָרגן, מאַמע. פארשטייט זיך, אז דו קאָנסט דאָ ניט לעבן אליין — מען קאָן דיר באַ־גנבענען, באַרויבן; קאָנסט איינע אליין אין הויז ניט זיין! סאָניען אָבער לוינט איר קאַריערע ניט אויפצוגעבן, דערצו קאָן זי קוים אויף זיך אליין אכטונג געבן. געוויס וועט זי ניט האָבן גענוג צייט דיר נאָכצוקוקן; דו מוזט קומען וווינען מיט אונדז!" האָט מאַשע זיך געפּרוווט ארויפצווינגען.

די מוטער האָט גענומען איר טאַשנטיכל אין האַנט.

„וויין ניט, מאַמע, איך וועל דיר גוט אויפפּאַסן".

די מוטער האָט אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן:

„איך ווייס אז דאָס איז נאַריש, אָבער איך קאָן ניט אויפהערן טראַכטן פון אייער פאָטער. פאַר מיינע אויגן זע איך תמיד דאָס בילד: אייער פאָטער איז יונג, איך בין יונג און מיר שפּאַצירן אין לבנה־נעכט, אין שיינע פאַרנאַכטן, אין זון־אונטערגאַנג . . . "

„ביין, מאַמע, רייד ניט פון דעם, דאָס מאַכט אומעטיק, וועסט נאָך ריידן פון זון־אויפגאַנג, ווען מיר וועלן צובויען צו אונדזער הויז אַ פּאָר באַקוועמע, שיינע צימערן פאַר דיר. אָבער מיט דיין ברייטהאַרציקער נאַטור פאַרשטיי איך אז דו וועסט וועלן זיין זעלבשטענדיק און ניט וועלן זיין אָפּהענגיק פון קיינעם — וועסטו אליין באַצאָלן פאַר די צוגעבויטע צימערן, און מיר וועלן זיך ניט קאָנען אָפּזאָגן ווען דו וועסט באַשטימען אַ ציפער וויפל צו צאָלן פאַר דיין זיין ביי אונדז", האָט מאַשע מיט אַ פעסטן באַשלוס געזאָגט.

„איך בין געוויס ניט דאַנקבאַר גענוג וואָס איר אלע ווילט טאָן פאַר מיר" האָט די מוטער זיך געווישט די טרערן, „אָבער פרוווט פאַרשטיין: איך האָב

אזוינע הערלעכע דעראינערונגען פון יענע צייטן, און מיין באַליבט שטעטל רופט מיר... איך האָב באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס גרויסע שיינע הויז דאָ און זיך באַזעצן דאָרט — און דאָרט גיי איך לעבן!" האָט זי דעצידירט געזאָגט.

דאָס קלאַפּן פון זייגער האָט געשטערט די דריקנדיקע שטילקייט אין צימער.

אלע זיינען געווען שטיל, מיט אַמאָל האָט סאָניע זיך אָפּגערופן:

„עלטערע מענטשן האַלטן טייער זייערע זיכרונות — דאָס איז אַלץ וואָס זיי בלייבט".

„איך דאַנק דיר, סאָניע, וואָס דו פאַרשטייסט מיך", האָט די מאַמע ליבלעך געענטפערט. נאָך אַ וויילע שווייגן, ווי זי וואָלט זיך איבערלייגט עפּעס, האָט זי צוגעגעבן: „עס איז אַזוי פיין פון אייך גלייך צו קומען אויף מיין רוף, דאָס געלט פאַר דאָס הויז וועל איך דעריבער צעטיילן צווישן אייךביידן, פאַר דאָס איבעריקע וועט אייך אויסקומען, לײדער, צוצוואַרטן..."

„אָט דאָס אַלטע הויז מיטן נאַסן קעלער, עס וועט אוועק פאַר גאָר נישט, מאַמע!.." האָט מאַשע פאַרצווייפלט אַ זיפץ געטאָן.

די מאַמע האָט געוואָרפן אַ באַטייטפולן בליק צו איר איידעם:

„איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער וועט קריגן א גוטן פרייז... נו, פאַנגט אָן צו עסן".

קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צום עסן.

די מוטער האָט איראָניש געשמייכלט:

„איך ווייס, עס פאַסירן אָפט זאַכן וועלכע נעמען אַוועק דעם אַפּעטיט".

טרויעריק האָט זי באַטראַכט דעם שיין־געדעקטן טיש, ארום וועלכן אלע דריי קינדער זיינען געזעסן ווי האַרטע, קאַלט־פאַרגליווערטע סטאַטועס.

זון און עלטערן

מיט לאַנגזאַמע טריט און אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז מאַרק צוגעקומען צו דער קליינער, איינגעבויגענער הייזקע, וואָס ער האָט קוים אויפגעזוכט אין דער אָרעמער געגנט. אומזיכער, מיט לייכטן ציטער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

געעפנט האָט אַ מיטליאָריקע פרוי. זי איז געבליבן שטיין ווי געליימט, איר מאָגער, בלאַס פּנים האָט באַקומען דעם קאָליר פון קאַלך און מיט אויגן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט פון פּלוצלונגדיקן שרעק האָט זי אָנגעקוקט מאַרקן. איר פּנים האָט זיך אָבער גיך געביטן און אַ ברייטער שמייכל פון גליק האָט זיך צעלייגט אויף אירע ליפּן. מיט פרייד האָט זי קוים אַרויסגעקרעכצט:

„אָ, דו! ביסט געקומען!... ווי ענלעך דו ביסט צו דיין פאָטער!...״

אירע אויגן זיינען געוואָרן פול און זי האָט זיי אַ וויש געטאָן.

„מיין זון! מיין פאַרלוירן קינד!...״ זי האָט לייכט באַרירט זיין שולטער, ווי זי וואָלט מיט איר האַנט אַ לייכטן גלעטער געטאָן, און אים אַריינגעבעטן אין הויז.

מאַרק האָט זיך געזעצט אויף אַן אַלטן צעשאָקלטן שטול. ער האָט באַטראַכט דאָס קליינטשיק צימערל מיט די אַלטע אָפּגענוצטע מעבל. דורך אַ שמאָל פענצטערל האָט די זון אַריינגעשיינט מיט קאַרגע שטראַלן.

מאַרק האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער פרוי, וואָס האָט געזאָלט זיין זיין מוטער, זיין אמתע מוטער!

זי איז געשטאַנען קעגן אים ווי אַ פאַרשולדיקטע און ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן. ענדלעך האָט זי, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אויסגערופן:

„איך האָב ניט געמיינט דיך צו ברענגען אַהער, איך האָב אָבער ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן שיקן דיר מיין ווונטש צו דיין גראַדואירן, ווען איך האָב געליינט אין צייטונג אַז דו ביסט געוואָרן אַן אַדוואָקאַט איז מיין האַרץ פול געוואָרן מיט גליק. איך האָב ביז איצט געהאַלטן מיין צוזאָג צו די גליקמאַנס, אַז איך וועל ניט שטיין אין וועג צווישן דיר מיט דיינע גוטע עלטערן... איך בעט דיר, פאַרגיב מיר, וואָס גראַדע איצט בין איך געווען צו שוואַך זיך צוריקצוהאַלטן און געבראָכן מיין צוזאָג...״ איר קול האָט געציטערט מיט טרערן.

„איך בין גליקלעך דיך צו זען, מיין זון, מיין קינד״... האָט זי קוים אַרויס געשטאַמלט.

„יאָ, זיי זיינען געווען זייער גוט צו מיר, נאָר איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז זיי זיינען מיינע אמתע עלטערן... אָבער וואָס קומט איצט? מיר דוכט, אַז די רו און די היינטיקע שמחה זיינען צעשטערט געוואָרן״.

„ניין, ניין!״ האָט די פרוי מיט שרעק אויסגעשריען, „איך וועל ניט זיין אין דיין וועג... איך האָב אפילו זיך ניט גערעכנט אַז דו זאָלסט קומען אַהער...״

„פאר וואָס" — האָט מאַרק מיט אמאָל א וואָרף געטאָן מיט ביטערניש — „האָסטו מיך אָפּגעגעבן צו אנדערע מענטשן? ווי קאָן מען אוועקגעבן אן אייגן קינד, אזוי ווי מען גיט אוועק אַ זאַך וואָס מען באַדאַרף ניט מער?" האָט ער מיט פאַרדרוס געפּאָדערט אַן ענטפער.

די פרוי האָט אירע הענט פונאַנדערגענומען, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט דעם זיך העלפן אויסדריקן, פאַרענטפערן:

„וואָס דען האָב איך געקאָנט טאָן? איך האָב ניט געקאָנט געבן דיר אַ גוטע היים, מיין קינד. איך האָב געלעבט אין איין קליין צימערל ביי אָרעמע מענטשן. איך האָב די פרוי פון הויז געצאָלט, אז זי זאָל דיר אויפפּאַסן ווען איך בין אוועק צו דער ארבעט. אָבער זי פלעגט דיר שלאָגן, ווען דו האָסט געוויינט. זי פלעגט אויף דיר ניט אכטונג געבן. זי פלעגט אוועקגעבן אירע הונגעריקע קינדער דיין עסן, וואָס איך פלעג פאַר דיר צוגרייטן. ארבעטן אָבער האָב איך געמוזט, כדי דיך צו דערנערן". זי האָט גערעדט אין אָפּגעהאַקטע זאצן.

די פרוי האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

„הער גליקמאַן, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט, האָט מיר אמאָל געזען וויינענדיק און מיר געפרעגט פאַר וואָס איך וויין, פאַר וואָס איך בין אזוי פאַר־זאָרגט און טרויעריק... ווען איך האָב אים דערציילט פון מיין שווערן לעבן, האָט ער זיך אָנגעבאָטן דיך צו אַדאָפּטירן, מיין קינד. אלע האָבן געוווסט אז ער איז פון די פיינסטע מענטשן, בין איך געווען זיכער אז ער וועט דיר האלטן ווי אַן אייגן קינד. מיט אַ שווערן האַרצן האָב איך די פּאַפּירן אונטערגעשריבן..."

די פרוי האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך אָפּגערוט, דאַן האָט זי ווייטער דער־ציילט:

„ווען פרוי גליקמאַן האָט דיר ארויסגעטראָגן פון מיין אָרעם, פינצטער צי־מערל, האָב איך געמיינט אז די וועלט עקט זיך. איך בין געבליבן זיצן, ווי פארחלשט, און גאַנצע טעג בין איך ארומגעגאַנגען ווי צעדולט. וואָס אנדערש האָב איך געקאָנט טאָן? וואָס פאַר אַ לעבן וואָלסטו געהאַט, ווען איך אליין וואָלט דיך אויפגעהאָדעוועט?"

אז זי האָט פאַרענדיקט, האָט זיך אין צימערל אויסגעלייגט א טרויעריקע שטילקייט.

„האָסטו גאָר ניט געבענקט נאָך מיר? זיך מער ניט געקימערט וועגן מיר?" האָט מאַרק ווידער ארויסגעפּלאַצט מיט פּראַגעס.

„גאַנצע נעכט פלעג איך דורכוויינען, מיין קינד. ווען דו ביסט צוויי־דריי יאָר אַלט געווען פלעג איך קומען פון ווייטן אַ קוק טאָן אויף דיר, ווי דו שפּילסט זיך, ווי שיין דו ביסט אָנגעטאָן און ווי גוט דו זעסט אויס. האָב איך כאָטש נחת געהאַט פון ווייטן, זעענדיק דיר אין שיינעם גאָרטן, לעבן דער פּרעכטיקער הויז, וו דו פלעגסט זיך שפּילן, ווי אַ פּרינץ אין זיין פּאַלאַץ — איך האָב געוווסט אז דיר איז דאָרט גוט!... אָבער איך האָב געמוזט שטיין פון ווייטן, אז קיינער זאָל מיר ניט באַמערקן ווי איך קוק אויף מיין אייגן קינד... אָ, ווי מיין האַרץ איז געווען פאַרקלעמט, אָבער אויך באַרויקט. איך האָב פאַרשטאַנען אז איך האָב געטאָן פאַר מיין קינד די ריכטיקע זאַך... שפּעטער, אז די גליקמאַנס האָבן זיך

פּלוצלינג ארויסגעצויגן פון יענער הויז, האָב איך פאַרלוירן יעדן שפּור פון דיר...״

די טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז און זי איז שטיל געבליבן.

„דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם מאַן, אָבער אויך אַן אָרעמער אַרבעטער, און אַלץ איז אוועק ווי דורך אַ געדיכטן וואָלקן...״ האָט די פרוי אין איילעניש אָפּגעכאַפּט די לעצטע פראַזע און מיט טרויעריקע אויגן אָנגעקוקט מאַרקן.

„מיין פאָטער״, האָט מאַרק שטיל געפרעגט, „ווו איז ער געווען ?״

„דיין פאָטער איז געשטאָרבן נאָך איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, ער האָט דיך קיין מאָל ניט געזען...״

מאַרקס אויגן זיינען פייכט געוואָרן און טרערן האָבן זיך אַ קייקל געטאָן אויף זיין שיין פּנים.

די פרוי, ווי וועלנדיק פאַרבאַהאַלטן איר צערודערטקייט, האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

„מיין מאַן דאַרף באַלד קומען, ער ווייסט וועגן דיר, איך האָב ניט געמיינט זיך אריינצומישן אין דיין לעבן...״ האָט זי גערעדט אָפּגעהאַקט און קורץ, „אנטשולדיק מיר !״ האָט זי מיט אַמאָל זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן.

ביים געזעגענען זיך, ווען מאַרק האָט זיך איינגעבויגן זי אַ קוש צו טאָן, האָט די פרוי ארומגעכאַפּט זיין קאָפּ, פעסט אים צוגעדריקט צו איר האַרצן און באַדעקט מיט מוטערלעכע קושן, כליפּענדיק דערביי :

„גיי, מיין זון !... גיי דיין אייגן וועג... מיט דיינע גוטע עלטערן... פאַרגעס וואָס היינט איז צווישן אונדז פאַרגעקומען..״

„איך בין צופרידן״, האָט מאַרק דורך טרערן געזאָגט, „אז איך ווייס דעם אמת און איך דאַרף זיך ניט שעמען מיט דיר. איך וועל דיר קומען ווידער זען און העלפן מיט וואָס איך וועל קאָנען !״

מיט אַ פריינדלעכן פּנים און שיינענדיק־פאַרוויינטע אויגן האָט ער געקושט צום ערשטן מאָל זיין אמתער מאַמען — —

צוריק איז מאַרק געפאָרן לאַנגזאַם. די גאַסן דאָ זיינען געווען שמאָל און גריבערדיק. אַלטע, ענגע הייזקעס מיט קליינע פאַרלאָזענע גערטנדלעך. ער האָט זיי פאַרגליכן צו די גרויסע, שיינע הייזער, מיט די צעבליטע גערטנער ארום זייער הויז און געטראַכט : אָט דאָ, אין אָרעמקייט, אין די אָפּגעלאָזענע שמאָלע געסלעך וואָלט איך מיינע קינדערשע יאָרן פאַרבראַכט, אויפגעוואַקסן, און אפשר אָפּגעלעבט מיין גאַנץ לעבן אין דעם דאָזיקן ארום — אין הונגער און נויט...

אַ שווער געפיל איז אים באַפאַלן, און ער האָט אויף גיך אַ יאָג געטאָן זיין אויטאָ, כדי וואָס שנעלער צו אַנטלויפן, פאַרגעסן...

* * *

ביי די קליינמאַנס איז געווען פריילעך און לעבעדיק. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן צוגרייטן די „פּאַרטי״ לכבוד מאַרקס באַקומען זיין דיפּלאָם אַלס אַדוואָקאַט.

דורך אַלע גרויסע צייטונגען האָבן זיי אַנאָנסירט די „פּאַרטי״ און געלאַדן

פריינד, און דאָ איז פּלוצלינג אָנגעקומען פאַר מאַרקן אַ גראַטולאַציע פון עפּעס אַ פרוי, אונטערגעשריבן „דיין אמתע מוטער".

אַ דערשלאָגענער פון אומדערוואַרט אַנטדעקטן סוד, האָט ער באַשלאָסן צו גיין זען זיין אמתע מוטער.

די קליינמאַנס זיינען דעם גאַנצן מאָרגן ארומגעגאַנגען טרויעריק און פאַר־קלעמט. זיי האָבן מיט אַמאָל זיך דערפילט עלנט און פאַרשטויסן פון זייער גרויסן גליק. אַ שוידער איז זיי דורך ביי דעם איינציקן געדאַנק, אז נאָך אַ פּערזאָן — זיין אמתע מוטער — קאָן באַזיצן זייער מאַרקן... זיי האָט זיך איצט געדוכט, אז זיי האַלטן אין אָנווערן זייער איינציק קינד...

„יאָ", האָט גליקמאַן געזאָגט צו זיין פרוי, „מיר האָבן ניט געדאַרפט אזוי לאַנג וואַרטן, נאָך אין זיינע קינדערשע יאָרן האָבן מיר אים געדאַרפט אויפדעקן דעם סוד, אז ער איז ניט אונדזער אייגן קינד, וואָלט עס איצט פאַר אים ניט געווען אזא שווערע איבערלעבונג".

פרוי גליקמאַן, אַ פאַרמאַטערטע פון מחשבות, האָט לאַנגזאַם צוגעשפּאַנט צו אַ שופלאַד, ארויסגענומען אַן אַלבאָם, וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט מאַרקס בילדער.

„ניין", האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן מיט אַן אנטשלאָסענער שטים, „מיר וועלן ניט זיין די פאַרשפּילטע. זע, גיב נאָר אַ קוק — יאָר נאָך יאָר, ווי ער איז געוואַקסן. הויט מיט ביינדלעך איז ערגעווען ווען מיר האָבן אים גענו־מען צו אונדז: איין יאָר אַלט. אמת, זי האָט אים געבוירן, אָבער מיר האָבן אים אויפגעהאָדעוועט, מיר האָבן אונדזערע כוחות און אונדזער ליבשאַפט אָפּגעגעבן פאַר אים! איז דאָס אַלץ גאָר ניט ווערט?"

מאַן און ווייב האָבן זיך צופרידן איבערגעקוקט.

פּלוצלינג האָט די טיר זיך מיט אימפּעט אַן עפן געטאָן און מאַרק, אַ גליק־לעכער און אַ צופרידענער איז אריינגעלאָפן, צוגעפאַלן מיט קושן צו דער מו־טער, ארומגענומען דעם פאָטער, און אַ באַרואיקטער שוין, האָט ער דערקלערט:

„איך האָב געזען מיין מוטער, אַ פיינע, ערלעכע פרוי, איך פיל דאַנקבאַר־קייט צו איר, אז אין איר עלנט און נויט האָט זי מיך באַזאָרגט מיט אייך — מיט די בעסטע און טייערסטע עלטערן פון דער וועלט. איך וועל מיין גאַנץ לעבן פילן, וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן!"

„ניין, מיין זון", האָט דער פאָטער זיך ניט געקענט איינהאַלטן, „דו דאַרפסט אונדז ניט דאַנקען, אפשר גאָר פאַרקערט. דו דאַרפסט וויסן דעם אמת — דעם אמת פון דיין אמתער מאַמען, און דעם צווייטן אמת — אז ליידיק און פּוסט איז געווען אונדזער רייך לעבן ביז מיר האָבן דיר באַקומען. עס האָט אונדז געפעלט אַ קינד, עס האָט אונדז געפעלט די־אַ געטלעכע מתנה — ביסטו געקומען און האָסט אונדזער לעבן באַגליקט".

גליקלעך און צופרידן האָבן אַלע דריי באַטראַכט די שיין־געדעקטע טישן און זיך גענומען גרייטן אויפצונעמען די געסט.

פּאָטער און טעכטערל

ביים אריינגאַנג צו דער באָרדינג־סקול איז אסתר שטיין געבליבן אין פאַרלעגנהייט און געפרעגט:

„אראָפּנעמען דעם רינג פון פינגער? זי קאָן עס אַמאָל באַמערקן...״

„ניין, מיין טייערע״, האָט דוד געענטפערט, דאַרפסט דעם רינג ניט באַ־האַלטן, וואָס ווייס אַ קינד פון 9 יאָר וועגן אַ פאַרלאָבונגס־רינג? אָבער איך וועל איר מוזן ביסלעכווייז צוגרייטן צו דעם געדאַנק. ווייסט, די ליבשאַפט און צערטלעכקייט פון איר מוטער איז נאָך פריש איינגעקריצט אין איר יונג הערצל, און איצט בין איך אליין פאַר איר פאַרבליבן. און געפילט האָב איך, אז נאָר פאַר איר, פאַר מיין קינד, וועט מיין לעבן זיין געווידמעט. ביז איך האָב דיך געטראָפן און ס׳האָט זיך אָנגעהייבן פאַר מיר אַ ניי לעבן מיט נייע האָפענונגען. אָבער ווי קאָן עס אַלץ אַ קינד פאַרשטיין?״ האָט דוד פאַרענדיקט זיין דער־קלערונג מיט אַ פראַגע.

„טו ווי דו פאַרשטייסט, מיין ליבער״, האָט אסתר זיך אָפּגערופן.

געעפנט די טיר פאַר זיי האָט אַ יונגע פלעגערין.

„האַלאָ, יהודית״, האָט דוד פריינדלעך זי באַגריסט, „ווו איז שושנה?״

„אָט וועל איך זי גלייך אריינרופן, הער בערמאַן, זי וועט זיך זייער פרייען״. האָט יהודית געזאָגט און פארשוואונדן אין טיפן, לאַנגן קאָרידאָר.

„ווער איז זי?״ האָט אסתר געפרעגט מיט פאַרדאַכט אין איר שטימע.

דאָס איז איינע פון די לערערינס. איך האָב איר ספּעציעל אָנגעשטעלט נאָר פאַר שושנהן, צו פאַרברענגען מיט איר, כדי דאָס קינד זאָל קיין עלנט און איינ־זאַמקייט ניט פילן. יהודית איז זייער גוט צו איר, גאָר ניט ווי אַ געדונגענע ליבשאַפט...״

„אָבער צו וואָס דאַרף מען עס? דאָס קאָסט דאָך אזוי פיל״, איז געקומען אסתרס אויסגערעכנטער ענטפער, „און צו וואָס איינפירן פאַר איר אנדערע באַ־דינגונגען ווי פאַר אַלע אַנדערע קינדער אין באָרדינג־סקול?״ האָט זי אונטער־געשטראָכן איר פראַגע. „און דו רופסט זי ביים ערשטן נאָמען, ווי זי וואָלט איינע פון דער פאַמיליע זיין...״ האָט זי מיט סאַרקאַזם צוגעגעבן.

„דאָס איז דערפאַר״, האָט דוד זיך אָפּגערופן, „ווייל איך זע ווי צערטלעך זי האָט זיך צוגעבונדן צום קינד. שושנה קאָן ניט פילן אז זי איז אַ פרעמדע. זי האָט אין איר יונג הערצל דערפילט איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט — צוליב דעם טאַקע פיל איך אויך צו איר אַ נאָענטקייט״.

פון גאָרטן, דורכן לאַנגן קאָרידאָר, האָט זיך דערטראָגן אַ גיך לויפן. מיט אויסגעשטרעקטע הענט אנטקעגן דעם שיינעם, ברייט־פּלייציקן מאַן אין די דרייסיקער איז געלאָפן זיין טאָכטער שושנה.

„דעדי! איך האָב געמיינט, אז דו וועסט מער ניט קומען. שוין עטלעכע זונטיקס האָב איך אומזיסט געוואַרט...“ זי האָט ארומגעקלאַמערט דעם פאָטערס האַלדז און אים באַשאָטן מיט קושן.

„מיין קינד, איך בין געווען זייער פאַרנומען און ניט געקאָנט קומען“, האָט דער פאָטער אין פאַרלעגנהייט געענטפערט.

„זונטיק אויך פארנומען?...“ האָט שושנה אומצוטרוילעך רעאַגירט און פלוצלינג באַמערקט אסתרן.

„שושנה“, האָט זיך דוד דערמאָנט, „איך וויל דיר באקאנט מאַכן מיט אונד־זער טאַנטע אסתר, וועלכע איז אונדזער גאַסט“.

„האַלאָ!“ האָט טרוקן שושנה געענטפערט אויף אסתרס פריינדלעכער באַ־גריסונג, און ווען אסתר האָט זיך צוגעבויגן זי א קוש טאָן, האָט שושנה זיך אַ ביסל אָפּגערוקט און אנטשלאָסן געזאָגט, „איך קוש ניט קיין פרעמדע...“

„איך וויל זיין מיט דיר פריינד, גרויסע פריינד!“ האָט אסתר אויסגערופן און געוואָרפן אַ בליק אויף דודן.

דוד האָט מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ איר באַדאַנקט פאר אירע פריינד־לעכע ווערטער.

זיי זיינען נאָך דעם ארויסגעפאָרן אויף אַ לענגערן שפּאַציר ארום שטאָט. שושנה איז געווען היימלעך און צופרידן, אָבער ווען זיי זיינען אַ שעה שפּעטער געקומען צוריק און זיך גענומען געזעגענען, איז זי מיט אַמאָל אומעטיק געוואָרן און געפרעגט:

„פאַר וואָס בלייבסטו ניט מיט מיר, פאָטער? אלע מאָל עסן מיר דאָך צו־זאַמען, ווען דו קומסט. דערנאָך שפּילן מיר ביז שפּעט ביינאַכט“.

„מיין קינד, דו מוזט מיר היינט אַנטשולדיקן, זעסט דאָך — איך האָב אַ גאַסט“, האָט דוד א ביסל פארשולדיקט געזאָגט.

„איך פארשטיי, איך האָב ניט באַדאַרפט דיך בעטן פארבלייבן מיט מיר“. זי האָט ארומגעכאַפּט דעם פאָטער, און פלוצלינג אוועקגעלאָפן.

פון טיפן קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט, באַליידיקט געוויין.

יהודית איז זיי גיך פארבייגעגאַנגען. ווען דוד האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זי אָפּצושטעלן, האָט אסתר גלייך אים דערמאָנט, אז עס איז שוין שפּעט.

דוד האָט אַ שפּאַן געטאָן אויף צוריק, געוואָלט גיין צו שושנהס צימער, אָבער דערפילנדיק אויף זיך אסתרס שאַרפן בליק, האָט ער זיך אומגעקערט און ביידע זיינען שטיל אוועק צום ארויסגאַנג.

יהודית האָט זיך צוגעזעצט אויף שושנהס בעט און גענומען גלעטן אירע האָר, זי ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

שושנה האָט זיך פעסט צוגעטוליעט צו יהודיתן און זיך שטאַרק צעכליפּעט. אז זי האָט זיך באַרואיקט, האָט זי שטיל געפרעגט:

„גייט מיין פאָטער חתונה האָבן מיט דער אָ פרעמדער ליידי? איך וויל איר ניט...“ און זי האָט זיך ווידער שטאַרק צעוויינט.

ווען דוד מיט אסתרן זיינען געקומען אהיים איז אסתר אריין אין איר צי־מער און דוד איז פאַרבליבן זיצן פארצווייפלט. ער האָט אריינגענומען זיין קאָפּ

איןביידע הענט. א שווערער געדאַנק האָט אים געמאַטערט: ווי וויניק צייט עס בלייבט אים פאַר זיין קינד.

אסתר איז צוריק אריינגעקומען פון איר צימער אין אַן אָוונט־קלייד, מיט אַ פריש־צוגעפוצטן פנים און אַ קליין בלימל אין אירע בלאָנדע האָר. איר געטאָקט, קורץ, עטוואָס ארויפגעהייבן נעזל האָט איר צוגעגעבן אזוי פיל חן, אז פלוצלינג האָט ער דערפילט ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל איצט דערזען.

„וואָס זיצסטו אזוי פאַרטראַכט, טייערער? דער זייגער איז 8, דאַרפסט זיך איבערטאָן".

„איך בין באַצויבערט פון דיין שיינקייט!" האָט באגייסטערט דוד זי ארומגענומען.

„איך האָב געמיינט, אז דו באַמערקסט מיר ניט היינט, אין דיין טאָכטערס קעגנוואַרט. זי זעט אויס צו זיין אַ שווער קינד און האָסט גוט געטאָן איר אריינגעבנדיק אין באָרדינג־סקול".

„דאָס איז נאָר צייטווייליק, מיין טייערע, ווי לאַנג מיין היים איז געווען צעבראָכן. אָבער איצט, מיט דיר, ווען מיין היים ווערט ווידער גאַנץ, איז אויך איר אָרט צוזאַמען מיט אונדז — אַלץ וואַרט דאָ פאַר איר".

„עס איז ניט אַ צייט זיך צו פאַרנעמען מיט פלענער — מיר מוזן באַלד גיין", האָט אסתר גיך פאַרענדיקט דעם אומאַנגענעמען געשפרעך.

אויף מאָרגן, פאַרנדיק צו זיין ביוראָ, האָט דוד זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שפּיל־צייג־געשעפט און ווי פילנדיק אז עפּעס מוז פאַרריכט ווערן, האָט ער אָנגעקויפט עטלעכע קאָסטבאַרע זאַכן פאַר זיין טעכטערל. ווי ער וואָלט פאַרגלעט דעם אייגענעם געוויסן, האָט ער זיך רואיק געפילט דעם גאַנצן טאָג.

צופרידענע טעג מיט צוגרייטונגען פאַר זיין חתונה מיט אסתרן זיינען געלאָפן. מען האָט געביטן מעבל, אריינגעבראַכט אַלץ נייע, מאָדערנע זאַכן אין די אזוי רייכע און שיינע צימערן. נאָר איין צימער, שושנהס, איז פאַרבליבן ניט געענדערט.

דוד איז פון זיין געשעפט אהיים געקומען אין אָוונט, און א צייט שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט, אז היינט איז זיין טאָכטערס געבורטסטאָג. דער זייגער האָט געוויזן אכט.

ווי אזוי האָט ער עס גאָר געקאָנט פאַרגעסן? לויפט ער דען ניט אלע יאָר אין דעם טאָג, באַלד ווי ער שטייט נאָר אויף, זי באַגריסן, ווינטשן אַ פריילעכן געבורטסטאָג! מיט וואָס פאַר אַ פרייד, מיט וואָס פאַר אַ שטראַלנדיקן פנים באַגעגנט זי אים תמיד! געוויס האָט זי דעם גאַנצן טאָג געוואַרט אויף אים. האָט ער זיך געעגבערט. ער איז געבליבן זיצן פאַרצווייפלט, מיט פאַרבראָכענע הענט.

די טיר האָט זיך געעפנט און אסתר, א פריש־פאַרפוצטע מיט אַ צעשטראַלט, גליקלעך פנים, איז שטיין געבליבן אים אנטקעגן. זי האָט געפרעגט דערשראָקן:

„טייערער, וואָס האָט פּאַסירט?"

„איך האָב פאַרגעסן, אז היינט איז שושנהס געבורטסטאָג.“

„אָ“, האָט אסתר אויסגערופן, „איז דאָס אַלץ? און איך האָב זיך אזוי דערשראָקן“. און זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן אים אויף אַ ווייכן שטול, זיך גאַנץ באַ־קוועם אָנגעשפּאַרט און זיך ווידער צעלאַכט:

„איז דאָס אַלץ? און דו האָסט מיר אויף אַן אמת דערשראָקן.“

„צי זעט עס אויס אין דיינע אויגן ווי גאָר ניט, ווי אַ נאַרישקייט?“ האָט דוד געפרעגט, שאַרף אריינקוקנדיק אין אירע אויגן.

אסתר האָט באַלד אויפגעהערט לאַכן.

„יאָ, מיין טייערער, עס איז אַ ביסל פאַרדראָסיק, אָבער דאָס איז פון די קלענסטע פאַרברעכנס קעגן אַ קינד“.

„ווען דו, אסתר, ביסט 9 יאָר אַלט, וואָלסטו זיכער געפילט, וואָס דאָס מיינט“, האָט דוד געענטפערט אַ ביסל אָנגעבלאָזן.

„יאָ, איך ווייס ווי דו פילסט, טייערער, אָבער פאַרדרוס דערפון דאַרפסטו זיך ניט נעמען. דו ביסט אזוי שטאַרק פאַרנומען מיט בויען פון דאַסניי אַ לעבן!“

„מיך וואונדערט, אויב דו פאַרשטייסט עס, און נאָך מער — אויב דו פילסט עס?“ האָט דוד געענטפערט אַ ביסל ברוגזדיק.

„דוד, דו רעדסט מאָדנע וועגן דעם. מען קאָן מיינען, אז איך בין אין דעם שולדיק. און מאַך ניט צוליב דעם אַ טראַגעדיע. קאָנסט טעלעפאָנירן צו איר און פאַרטיק“, האָט אסתר מיט אויפרעקונג געענטפערט.

„איך וואָלט עס יאָ געקאָנט טאָן, אָבער איך וויל ניט. מיר וועלן מוזן ביידע, אָט באַלד, אריבערפאָרן צו איר“.

„איצט? אזוי שפּעט ביינאַכט? דו האָסט פאַרגעסן, אז מיר האָבן בילעטן פאַר היינט אָוונט צו גיין אין קינאָ“, האָט אסתר מיט אַ קוים־געצוימטן טאָן געזאָגט.

„און אז מיר האָבן איז וואָס?“ האָט דוד שאַרף אַ קוק געטאָן אויף איר רייצנדיקן פּנים און האַסטיק צוגעגעבן: „נו, איך וועל גיין. איך האָב געמיינט אז דו וועסט אויך מיטגיין מיט מיר, אָבער איז זע אז דו ווילסט ניט. און אפשר“, האָט ער זיך גלייך פאַרכאַפּט, „ווילסטו יאָ מיטגיין?“

„ניין, איך גיי ניט, און איך וויל אז דו זאָלסט אויך ניט גיין“, האָט אסתר אים אַ ברי געטאָן.

„דו האָסט מיר פאַרזיכערט“, האָט דוד געזאָגט זיך באהערשנדיק, „אז אלץ וועסטו מיט מיר טיילן. האָב איך געמיינט, אז אויך מיין קינד, וואָס איז דאָס בעסטע און טייערסטע פון מיינע פאַרמעגנס, איז פאַר אונדז ביידן. אנטשולדיק וואָס איך צעשטער אונדזער אָוונט, אָבער איך מוז גיין!“ האָט דוד אנטשלאָסן געזאָגט. ער האָט געעפנט די טיר, אָבער אויפן שוועל האָט ער דערהערט אסתרס קול:

„דו האָסט פֿאַרגעסן אָט דאָס!‟ און זי האָט אַראָפּגענומען איר גרויסן קאָסטבאַרן רינג פֿון איר פֿינגער און עס אים דערלאַנגט.

אסתר האָט מיט טריאומף געוואַרט, אַז עפּעס זאָל געשען, אַז ער זאָל פֿאַלן צו אירע פֿיס, אָבער דוד האָט צוגענומען פֿון איר דעם רינג.

„אַ דאַנק‟, האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן און פֿאַרמאַכט די טיר.

ער האָט געפֿונען שושנהן שלאָפֿנדיק. ער האָט באַמערקט שפּורן פֿון ניט קיין פֿאַרטריקנטע טרערן אויף די צאַרטע בעקעלעך פֿון זיין קינד.

פון מלחמה געקומען

פרוי קאַפּלאַן איז אַריין צו איר טאָכטער אין צימער. פאַרדראָסיק און אויפ־גערעגט האָט זי זיך געווענדט צו איר:

„דאַרפסט ניט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און אומפריינטלעך צו מר. ליפּמאַן."

„איך קען אַנדערש ניט זיין צו אים, און איך וויל ניט ער זאָל קומען אַהער!" האָט די טאָכטער געענטפערט.

„וואָס ווייסטו וואָס פאַר דיר איז גוט, מיין טאָכטער? ווי לאַנג וועסטו זיצן פאַרזאָרגט, ניט אַרויסגיין פון הויז? נאָך וועמען בענקסטו?" האָט די מוטער זיך געבעטן ביי איר, ריידנדיק שוין מילדער.

„נאָך מיין חתן, מאַמע, נאָך דניאלן בענק איך! דו ווייסט דאָך אַז מיר זיינען חתן־כלה".

„און אַז איך ווייס איז וואָס? אָבער וווּ איז ער? שוין איבער אַ יאָר און פון אים ניט געהערט, טאָ ווי לאַנג וועסטו נאָך וואַרטן?" האָט פרוי קאַפּלאַן זיך כמעט געבעטן.

„איך וועל וואַרטן אַזוי לאַנג ביז איך וועל הערן פון אים. מיר, דאָ אין אַמעריקע, קענען קיין באַגריף ניט האָבן וואָס דאָרט, אויפן פראָנט, קומט פאָר".

„געוויס", האָט די מוטער אונטערגעכאַפּט, „ניט אומזיסט הערט מען גאָר ניט פון אים — אָדער ער איז פאַרוווּנדעט, צי חלילה געהרגעט".

אסתר איז אויפגעשפּרונגען פון שטול: „רעד נישט אַזוי, מאַמע! איך וויל דאָס ניט הערן!"

„זע, מיין טאָכטער", האָט די מוטער געפּרוווט זי איבערצייגן, „פון דניאלן הערסטו ניט, ער שרייבט דאָך ניט מער. אפשר?... ווער קען וויסן — ס'איז דאָך מלחמה!"

די טאָכטער איז געזעסן מיט טרערן אין די אויגן און פאַרקלעמט.

פרוי קאַפּלאַן האָט זיך געפילט שולדיק. זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט עס דניאלס בריוו פאַרלייקנט פון דער טאָכטער. אַ רגע שפּעטער האָט זי זיך באַרואיקט:

„אויף וואָס איז דאָס וואַרטן. אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי קען שוין סיי ווי ניט פאַרבלייבן דער זעלבער וואָס פריער: דערצו קענען נאָך אַוועקגיין יאָרן און קיין מיידל איז ניט מחויב צו וואַרטן.."

„ווי קענסטו עס אַזוי ריידן?" האָט אסתר מיט פאַראיבל פּראָטעסטירט.

„איך זאָג דיר", איז די מוטער געוואָרן שטרענגער, פאַרלאַנגעריש, „פאַר־געס דניאלן! זע, עס קומט אַריין צו אונדז אַזאַ פיינער יונגערמאַן, אַ רייכער, אַ לאָיער, ער איז מיט אַלע מעלות. צי קענסטו אים פאַרגלייכן צו דניאלן, וועל־

כער איז נאָר אַ שטיקל בוכהאַלטער? מר. ליפּמאַן וואָלט דיך דאָך גליקלעך מאַכן!״

„ניט מיר! איך וויל אים מער ניט זען!״ האָט אסתר אָפּגעהאַקט בייז.

„אז דו האָסט אליין קיין שכל ניט, מוזטו זיך לאָזן לערנען פון אַן עלטערן!״ האָט די מוטער מיט אויפרעקונג גערעדט.

„איך וויל ניט הערן מער! רייד ניט צו מיר!״ האָט אסתר כמעט ווי געשריען.

„געדענק, וועסט חרטה האָבן!״ איז פרוי קאַפּלאַן ארויס מיט כעס און אַ קלאַפּ געטאָן הינטער זיך די טיר.

אסתר איז געבליבן זיצן נידערשלאָגן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן בײדע הענט. אין איר האַרצן האָט אַ שטורעם פון ווערטער געכוואַליעט: דניאל, מיין געליבטער! פאַר וואָס לאָזטו פון זיך ניט הערן? ביסטו אפשר הינטער די דייטשישע גראַטעס?... קום צו מיר, קום! איך וואַרט אויף דיר!

זי איז ארייַנגעלאָפן אין איר צימער, ארויפגעפאַלן אויפן בעט, צוגעפּרעסט איר פּנים צום קישן און ביטער געוויינט.

* * *

דניאל איז געווען שטאַרק פאַרקלעמט: שוין אַ יאָר אַוועק... וואָס זאָל עס באַטייטן? פאַר וואָס שרייבט זי ניט? די פראַגעס האָבן אים שטענדיק געעקבערט אין מוח. שווער איז אים געווען. די פרייד איז אוועק און אַן אומעט האָט פאַרוואָלקנט זיין געמיט. אָבער אַן אינערלעך געפיל האָט אים געטרייסט: זיי ניט געפאַלן ביי זיך, זיי שטאַרק און מוטיק, טאַקע צוליב דיין אסתר! זי וועט דיך ניט פאַרלאָזן... און אפשר איז זי גאָר קראַנק? דערשרעקט ער זיך און פאַר זיינע אויגן שווימט אויף דאָס בילד פון זייער אָפּשייד: זע, ליבסטע מיינע, האַלט זיך! דיין ליבע וועט מיך שטאַרקן און מוטיקן אויפן שווערן וועג, אין די קאַמפן! כ׳וועל תמיד טראַכטן וועגן דיר!

און אַט — זיין ערשטע באַגעגעניש מיט אסתרן; און לעבעדיק שטייט זי פאַר זיינע אויגן, ווי דאַן — ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען זי אריינקומען אין אָפיס וווּ ער האָט געאַרבעט: אַ יונג, אַ שיין מיידל מיט גאָלדענע האָר, מיט גרויסע בלויע אויגן, מיט אַן אומשולדיק מילדן בליק... זי האָט אים באַצויבערט פון ערשטן מאָמענט. אַ שנור פון זכרונות וויקלט זיך, גליקלעכע שעהן. און מיט אַמאָל — אַלץ אָפּגעשטעלט, איבערגעריסן געוואָרן: פליכט צו קעמפן קעגן א בייזן שונא האָט גערופן...

* * *

אין אַ פאַרכמאַרעטן פרימאָרגן, בעת אַ פאַרביטערטער שלאַכט, איז מיט איין מאָל אַלץ ארום פינצטער געוואָרן און אַ געדיכטער וואָלקן פון פייער און רויך האָט דניאלן איינגעהילט. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער דערפילט אַ שאַרפן שניט און אַלץ ארום האָט זיך גענומען דרייען פאַר זיינע אויגן...

געקומען צו זיך איז ער אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. שפּעטער האָט ער מיט צופרידנקייט אָנגענומען זיין שיקזאַל: אַ פאַרלוירענע האַנט — אַבי ער לעבט!... שווערע געדאַנקען פלעגן אים אָבער שטענדיק באַפאַלן און מאַטערן: ווי אזוי וועט ער זיך ווייזן פאַר זיין אסתרן — אַ קאַליקע, אויף איין האַנט? זיין

שרעק איז כסדר געוואַקסן: וועט זי וועלן פאַרביגדן איר לעבן מיט אַ קאַ־ליקע?...

לאַנגזאַם און שווער האָבן זיך געצויגן די פּיינלעכע שעהן. לאַנגע, אומעטי־קע טעג און מוראדיק־קאָשמאַריקע נעכט. פון אַלע בעטן, צוגערוקט נאָענט איינס צום אַנדערן, האָט ער געהערט שווערע קרעכצן. פאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט באַנדאַזשן, באַנדאַזשן אויף צעבראָכענע, אויף אָפּגעריסענע גלי־דער; זילבערנע שאַרבנס אויף קעפּ, באַנדאַזשן אויף בלינדע אויגן, אויף צע־קאַליעטשעטע פּנימער — און אזוי פיל יסורים...

חדשים האָט געדויערט ביז דניאלס ווונד פון דער אָפּגעריסענער האַנט האָט זיך פאַרהיילט. ווען ער פלעגט אַ בליק טאָן אויף דעם פּוסטן אָרט פון זיין פאַרלוירענער האַנט, פלעגט זיך אים דאַכטן ווי ער וואָלט קוקן אין אַן אָפּגרונט...

* * *

און אָט איז געקומען דער טאָג ווען דניאל האָט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. מיט אַ געוואַגטן שפּרונג, דורכגעמישט מיט שרעק, האָט ער אריבערגעשפּאַנט די שוועל צו דער ליכטיקער וועלט. איינגעפּאַקט דאָס אָרעמע איבערבלייבעכץ פון אַ סאָלדאַט, וואָס איז אריין אין איין רוקזאַק, האָט ער אים פאַרוואָרפן אי־בער דער פּלייצע און מיט פאַרצווייפלטע, געמישטע געפילן זיך געלאָזט מיט אַ גרופּע אַנדערע סאָלדאַטן אין וועג אריין. אין וועג וואוהין? צו וועמען? געוויס: צו אסתרן!

ווען די געפּאַקטע שיף האָט דערגרייכט דערבן, האָבן זיך די סאָלדאַטן צע־טיילט אין גרופּעס און געוואַרט אויף די באַן־פּלאַטפאָרמעס — פון דאָ האָט דער וועג געפירט אהיים — צו די באַזונדערע שטעט און שטעטלעך אין דרום אפריקע.

מיט אומזיכערע טריט האָט דניאל געשפּאַנט מיטן שווערן רוקזאַק אויף דער פּלייצע; מיט זיין איינציקער האַנט זיך אריינגעשטופּט אין פולן וואַגאָן, מיט אַנדערע סאָלדאַטן־קאַליקעס און האַלבע קאַליקעס. אויף אַלע פּנימער פרייד און דערוואַרטונג.

ווען די באַן איז אָנגעקומען אין יאָהאַנעסבורג, איז די שטאָט געווען ווי פאַרגליווערט אין אַ גרויסער היץ. אויף דער פּלאַטפאָרם זיינען געווען קרובים און פריינד, וועלכע זיינען געקומען אָפּוואַרטן די טייערע געסט. דניאלן האָט קיינער ניט אָפּגעוואַרט...

ער איז געשטאַנען אָפּגערוקט און זיך צוגעקוקט ווי מען האָט זיך געקושט, געפרייט זיך, געוויינט. עס זיינען דאָ פאָרגעקומען סצענעס פריילעכע, גליקלע־כע, דערשראָקענע און אַנטוישטע... דניאלס געדאַנקען האָבן זיך אריבערגע־טראָגן צו זיינע קינדערשע יאָרן, צו זיין געבורט־שטעטל אין ליטע, זיין היים... אַ ציטערדיק, צעפּיעשטשעט קינד... יונגע, בחורשע יאָרן... דרום אפריקע און — אסתר!...

לאַנגזאַם האָט ער גענומען שפּאַנען פון פּלאַטפאָרם צום אויטאָבוס — דער אויטאָבוס וואָס וועט אים פירן צו זיין מיידל...

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט דניאל אַ דריק געטאָן דאָס באַקאַנטע קנעפּל

ביי דער טיר. פון ערגעץ אויבן האָט ער דערהערט דעם אָפּהילך פון אַ קלונג און די אַלטע טרעפּ האָבן געגומען קרעכצן אונטער שווערע, לאַנגזאַמע טריט. די טיר האָט זיך געעפנט און דניאל, פאַרוואונדערט און אַנטוישט, האָט דערזען אַ פרעמדע, אומבאקאַנטע פרוי.

„די קאַפּלאַנס ?...״ האָט דניאל קוים אַרויסגעשטאַמלט.

„די קאַפּלאַנס ? זיי האָבן זיך שוין לאַנג אַריבערגעצויגן אין אַ נייער געגנט, אַ רייכער „סאַבורב״, אָבער איך ווייס ניט זייער אַדרעס״, האָט די פרוי גע־ענטפערט.

אַ דערדריקטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז דניאל אַוועק. אויף דער גאַס האָט ער באַגעגנט אַ באַקאַנטן עלטערן ייד.

„דניאל !״ האָט זיך דער ייד מיט אים דערפרייט, „וואָס מאַכסטו ? און פון וואַנען קומסטו ? אַזוי לאַנג ניט געהערט פון דיר !״

„איך בין געזונט״, האָט דניאל פריינדלעך געשמייכלט, „חוץ וואָס איין האַנט פעלט מיר... ווייסט איר אפשר ווו די קאַפּלאַנס האָבן זיך אַריבערגע־צויגן ?״ האָט דניאל געפרעגט אָן אָטעם.

דער אַלטער ייד האָט דניאלן אָפּגעמאָסטן מיט אַ מאָדנעם, אומעטיקן בליק. „קענסט נעמען דעם אויטאָבוס, אָבער עס איז אַ לאַנגער וועג פון דער סטאַנציע — מען דאַרף קלעטערן באַרג־אַרויף״.

* * *

וואָס נענטער דניאל איז געקומען צו זיין ציל, איז אים צוליב עפּעס אומ־היימלעך געוואָרן. און אָט האָט ער זיך געפונען אין מיטן פון א גרויסן גאָרטן, אויף א גרינער לאָנקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּליושענער טישטעך מיט קאָלירטע בלימעלעך. אַרום, שיין פאַרשניטענע גראָז. ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון א גרויס הויז, מיט ליכטיקע ברייטע פענצטער. אויף אַ בלאַנק מע־שענעם שילדל האָט ער דערזען דעם באַקאַנטן נאָמען קאַפּלאַן, אויסגראַווירט מיט שיינע אותיות. פרעמד און ווייט האָט אים דאָס איצט אַלץ אויסגעזען. ער איז לאַנג געשטאַנען ביי דער שוועל פון דער מאַסיווער גלעזערנער טיר...

דניאל האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם און לייכט אָנגעדריקט דאָס עלעקטרישע קנעפּל. אַ דינסט האָט זיך באַוויזן, געפרעגט זיין נאָמען, מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק האָט זי אים אָפּגעמאָסטן און פאַרשוואונדן. א פריילעכער אויסגעשריי : „דניאל !״ און פאַר אים איז געשטאַנען אסתר...

אַ סעקונדע איז זי געשטאַנען ווי געפּלעפט. דאָס בלוט איז איר אריין אין פּנים. דניאל האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס און איז צוגעפאַלן צו איר. אַזוי זיי־נען זיי געשטאַנען אַ רגע, זיך אָנגעקוקט און פאַרגעסן פון וואַנעט זייער גליק איז צוריק געקומען...

דאָס קול פון איר מוטער האָט זיי אויפגעוועקט : „דניאל !״ — האָט זי צעשפּרייט אירע פעטע הענט.

דניאל האָט זי אַ קוש געטאָן אין באַק. פרוי קאַפּלאַנס שאַרף אויג איז באַלד געפאַלן אויף דניאלס רעכטן אַרבל פון שינעל :

„וואָס איז דאָס ?״ האָט זי ברייט צעעפנט אירע אויגן און ווי מיט עקל זיך אויפגעטרייסלט.

„אָ, דאָס איז אַ קליינינקייט מיט וואָס מען מוז זיין צופרידן קומענדיק פון אזא פייער. איך האָב געגוג ערגערס זיך אָנגעזען פאַר דער צייט", האָט דניאל רואיק געענטפערט.

„אָרעמער יינגל!" — האָט פרוי קאַפּלאַן געזאָגט, כמעט מיט צופרידנקייט און מיט גוואַלד ארויסגעקוועטשט אַ טרער.

אסתר, א פאַרשעמטע, האָט אים ארומגעפירט איבער די צימערן. דניאל האָט באַטראַכט די מעבל, די ריזיקע שפּיגלען און די שווערע גאַרדינען, די גרויסע קונסט־בילדער, די שיינע וואַזאָנעס, די פּערסישע טעפּיכער און די פאַרשיידענע אַנטיקן. ער איז פאַרגאַפט געוואָרן פון רייכטום וואָס האָט ארויס־געשריען פון יעדער זאַך באַזונדער. אָפּשטעלנדיק זיך ביי אַ טישל מיט בלומען האָט אסתר באמערקט:

„דאָס איז פון אונדזער אייגענעם גאָרטן".

„זייער שיין!" האָט דניאל געענטפערט. ער האָט זיין בליק פון די בלומען אָפּגעווענדט און ליבלעך, מיט א גליקלעכן שמייכל אַ קוק געטאָן אויף אסתרן.

„אָבער דו ביסט מיין לעבעדיקער בלום!" און ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט.

„אסתר!" האָט זיך דערהערט דאָס שאַרפע קול פון פרוי קאַפּלאַן. אסתר האָט זיך ארויסגעדרייט פון דניאלס אָרעמס און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אריין אין צווייטן צימער.

„דו דאַרפסט ניט קיין קאַליקע, קיין קראַנקן חתן!" האָט דניאל דערהערט אַ בייזע שטים. דאָס גאַנצע בלוט איז אים אריין אין פּנים, זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

אסתר איז צוריק אריין אין צימער:

„דו ביסט מיין גאַסט, ניט דער מאַמעס!"

„בלויז אַ גאַסט?" האָט דניאל שטיל געפרעגט.

אסתר האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן און געשוויגן. זיי זיינען ארויס אויפן באַלקאָן.

לאַנגזאַם האָט געגומען צופאַלן די נאַכט. אונטן אין שטאָט האָבן זיך גע־נומען צינדן ליכטער. פון דער ווייטנס האָבן די הייזער אויסגעזען ווי קליינע קעסטעלעך — אַ באַלויכטענע שטאָט, וואָס איז היימיש געוועזן דניאלן.

שווייגנדיק זיינען זיי געזעסן. פון הויז האָט זיך דערטראָגן אַ פרייל־עכער געטומל, געלעכטער. געסט זיינען געקומען. מען האָט גערעדט, גערוקט שטולן. אַלע האָבן זיך געזעצט ארום קאָרטן־טיש.

אסתר איז אריין אין הויז און ווי אַ שאָטן איז איר דניאל נאָכגעגאַנגען. דאָס שטאַרקע ליכט האָט געבלענדט די אויגן. אַ רויך פון סיגאַרן, דער ריח פון בראַנפן און פאַרפיומען האָט אַ שלאָג געטאָן מיט רייץ.

„לאָמיר נעמען אַ טרונק", האָט אסתר שטיל געזאָגט.

ביידע האָבן גענומען אין די הענט די גלעזלעך. פרוי קאַפּלאַן, אַ פריזירטע און אויסגעפּוצטע איז פאַרביי און האָט צו אסתרן אַ ווונק געטאָן. אסתר איז איר נאָכגעגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט ארום איז פרוי קאַפּלאַן צוריקגעקומען מיט איר מאַן. דניאל האָט אים קוים דערקענט. דאָס פּנים און בויך האָבן אויסגעקוקט

ווי געשוואָלן און אין זיין שטייפן ראָק האָט ער אויסגעזען ווי אַ קונצנמאַכער פון א צירק.

„איך בין צופרידן דיר צו זען", האָט מר. קאַפּלאַן דערלאַנגט אַ פּעטע, פאַרשוויצטע האַנט, „לאָמיר נעמען אַ טרונק". א שמייכל איז פאַרבליבן קלעפּן אין זיינע גאָל־גרוילעכע וואָנצעס.

ווידער האָט דניאל גענומען אין זיין האַנט אַ גלעזל. אסתר איז אריינגעקומען, ניט אויפהייבנדיק איר בליק צו דניאלן האָט זי געזאָגט:

„דו מוזט מיר אַנטשולדיקן, דניאל, איך האָב ניט געוווסט אז דו וועסט צוריקקומען... איך האָב אזוי לאַנג פון דיר ניט געהערט"...

דאָס איבעריקע איז געבליבן ניט דערזאָגט. אין דעם מאָמענט האָט זיך אין טיר באַוויזן אַ שיינער פעסט־געבויטער יונגערמאַן. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און געוואָלט נעמען אסתרן אונטערן אָרעם.

פּלוצלינג איז זי צוריקגעטראָטן, צוגעלאָפן צו דניאלן און זיך איינגעקלאַמערט אין אים:

„ניין, ניין! איך גיי ניט! איך בלייב מיט מיין חתן!"

דאָס גלעזל אין דניאלס האַנט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דער טאַטע האָט אויף אסתרן אַ בייזן בליק געוואָרפן און איר שטרענג באַפוילן ארויסצוגיין פון צימער.

ווען דניאל האָט איר געוואָלט נאָכגיין, האָט מר. קאַפּלאַן אים אָפּגעשטעלט:

„וואָס ווילסטו טאָן?" האָט ער געשעפטלעך דניאלן א פרעג געטאָן, האלטנדיק אין דער האַנט דאָס פולע גלעזל.

„איך וועל גיין אין ביזנעס", האָט דניאל געענטפערט, ווערנדיק א ביסל לעבעדיקער.

„וויפל געלט האָסטו?" האָט מר. קאַפּלאַן צוגעטראָגן דאָס גלעזל צום מויל.

„איבער טויזנט פונט!" האָט דניאל מיט שטאָלץ געענטפערט.

מר. קאַפּלאַן האָט זיך הילכיק צעלאַכט, האָט גענומען אַ זופּ פון גלעזל און ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

דניאל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זיין בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט אויף פרוי קאַפּלאַנס פּערל, אויף איר פעטן האַלדז. די פּערל זיינען מיט אַמאָל אין זיינע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טראָפּנס פאַרגליווערט בלוט, אין טייכן בלוט פון אָפּגעריסענע הענט און פיס, צעשמעטערטע שאַרבנס... זיינע פיס האָבן אַ וואַקל געטאָן און אַלץ ארום האָט גענומען שווינדלען פאַר זיינע אויגן, דערוווייטערט זיך און קלענער געוואָרן, פאַרשוווּנדן — —

פרוי קאַפּלאַן האָט ארויסגעלאָזט אַ ווילדן קוויטש און אַ געשריי געטאָן צום מאַן:

„דו זעסט? איצט זעסטו שוין אליין אז ער איז אַ וויסטער קאַליקע!"

דאָס געשריי האָט דניאלן אויפגעוועקט פון זיין צעטומלטקייט. אַ ווילדע רציחה האָט אים באַהערשט, אַ ווילדער כעס, וועלכן ער האָט ניט געקענט צוימען, האָט זיך פון אים אַ ריס געטאָן. ער האָט פאַרביילט זיין איינציקע פויסט, האָט אויפגעהויבן די איינציקע האַנט און זיך צעשריען, אז ער האָט זיין אייגענע שטים ניט דערקענט:

„וואָס פּאַראַ ווערט האָט ביי אייך אַ מענטשלעך לעבן? איר, אויפגעקומענע שלעפּערס! איך האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין פינצטערע אָקאָפּעס... אַ האַנט פאַרלוירן... און איר האָט זיך דאָ געשטאָפּט מיט רייכקייט... איך וועל אייך... אייך אלעמען... אָט מיט דער איין האַנט — דערשטיקן!...“ און פּלוצלינג איז ער, אַ דערשראָקענער פון זיין אייגן ווילד קול, שטיל געוואָרן.

הענט האָבן אים אָנגעכאַפּט פון הינטן, עמעץ האָט פעסט געהאַלטן זיין איינציקע האַנט און אים ערגעץ געשטופּט, געשטופּט... דניאל איז ניט געווען בכוח זיך צו ווערן און ארויסברענגען נאָך אַ וואָרט.

שפּעטער איז ער געזעסן אַ האַלב־פאַרחלשטער אויף די טרעפּלעך פון דער הינטערשטער וועראַנדע. אסתר האָט באַרירט זיין ליידיקן אַרבל מיט אירע צאַרטע פינגער און אים אָנגעקוקט מיט אַ ווייכן, ליכטיקן בליק.

אין דניאלס אויערן האָט אָפּגעקלונגען מיט ציטער זיין לעצט געשריי, ווי פון אַ פּוסטער ווייטקייט: „דערשטיקן!“

ער האָט מיט וואַרעמע פינגער אַ גלעט געטאָן אסתרס האַנט און געפילט ווי אַ טרער שטיקט אים אין האַלדז...

אין פרעמדקייט

ווען היימיס קריסטלעכע פרוי איז נאָך א שווערער קראַנקייט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק א דריי יאָריקן יינגעלע, האָט היימי באַשלאָסן אויפצוברענגען דאָס קינד אויף אַן עכט יידישן אופן, געבן אים אַ גוטע יידישע דערציאונג.

היימי אַליין איז ניט געווען פון די פרומע און ווינציק געוווסט פון יידישקייט. ער איז געווען אַן איינפאַכער מענטש, אָבער זיין געוויסן האָט אים געמאַטערט און ער האָט געוואָלט אויסקויפן זיינע זינד דערמיט, וואָס ער וועט אָפּרייסן זיין קינד פון דער מוטערס משפחה. אַ באַזונדערע קראַפט האָט אים געטריבן און געמאָנט פון אים צו דערציען זיין קינד ווי אַ ייד, וואָס זאָל אָפּהיטן יידישע טראַדיציעס.

זיין יאַנקעלען האָט ער אָנגעטאָן אַ טלית־קטן מיט אַ יאַרמלקע, געפירט יעדן שבת אין שול און אים געלערנט צו זאָגן דעם רב „גוט־שבת״, פון וואָס היימי פלעגט אָנקוועלן. מיט גרויסער ליבשאַפט האָט ער זיך גענומען צו זיין יאַנקעלעס דערציאונג. קיין אנדערע פאַרלאַנגען האָט היימי ניט געהאַט, ווי נאָר אָפּהיטן זיין קינד, אז עס זאָל אויפגעבראַכט ווערן יידישלעך.

עס האָבן היימין ניט געפעלט קיין זאָרגן, טאָג־טעגלעכע פאַרדרוסן, אָבער דאָס איז ניט אומשטאַנד געווען צו פאַרטונקלען די ליכטיקע פרייד, וואָס האָט גענומען אויפגיין אין זיין צעוויייטיקט האַרץ. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט היימי געזאָרגט ניט צו דערלאָזן צו דער באַגעגעניש פון דער גוישער משפחה מיט זיין יאַנקעלען.

אזוי האָט זיך דאָס יינגל געהאָדעוועט ביז זיבן יאָר אין ניט לייכטע באַדינגונגען. היימי האָט באַשלאָסן אריינגעבן יאַנקעלען אין אַ יידישן קינדער־היים, אין אַ יידישער שול, אין חדר, מיט אַלע יידישע קינדער.

יאַנקעלע האָט זיך צוגעוווינט און איינגעלעבט מיט דער נייער סביבה און זיך געפילט היימיש און צופרידן. גליקלעכער אָבער פלעגט יאַנקעלע זיך פילן אין די טעג ווען היימי, זיין טאַטע, פלעגט קומען אים באַזוכן.

בעת אַן עפּידעמיע, ווען יאַנקעלע איז קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען, האָט מען היימין דערמאָלט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין בעטל. אָבער אז יאַנקעלע איז בעסער געוואָרן זיינען אריבער טעג און זיין טאַטע איז ניט געקומען. יאַנקעלע האָט אַלץ געוויינט און געפרעגט אויפן טאַטן.

דער פאַרוואַלטער פון קינדער־היים האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע: „זאָגן וואָס האָט פּאַסירט אָדער ניט?״ ער האָט באַשלאָסן אָפּוואַרטן ביז יאַנקעלע וועט געזונט ווערן.

עס איז געקומען דער שווערער טאָג. דער פאַרוואַלטער איז געקומען צו יאַנקעלען און אים צוגעגרייט אויפצונעמען דעם טרויעריקן גרוס פון זיין פאַ־

טערס טויט. יאַנקעלע איז געבליבן פאַרשטיינערט. אין ערשטן מאָמענט האָט דאָס קינד ניט באַגריפן וואָס דער טרויעריקער אַנזאָג באַדייט. ער האָט אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס זאָל מיינען פאַר זיין לעבן — ניט זען מער זיין טאַטן, ניט האָבן קיין טאַטן...

יאַנקעלעס שטיל־שוויגן האָט באַרואיקט דעם פאַרוואַלטער, ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט פון אים אַראָפּ. ער האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז קיין אי־בעריקע שוועריקייטן צו טרייסטן דאָס קינד וועלן מער ניט זיין.

אָבער אויף מאָרגן האָט יאַנקעלע ברייט צעעפנט זיינע קינדערשע איגעלעך, פול מיט טרערן, ער האָט דערפילט אַז צו זיינע יסורים איז ניטאָ קיין גרענעץ — זיין איינציק גליק איז אויף אייביק פאַרלוירן געגאַנגען...

זיין קליין קינדיש הערצל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ער האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט:

„האָב איך ניט מער קיין טאַטן? קיין מאַמען? אפילו ניט קיין באָבען?“

דער פאַרוואַלטער האָט אויפגענומען יאַנקעלעס ווערטער מיט אַ פּיינפול געפיל.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך באַוויזן די אמתע באָבע, די מוטער פון זיין פאַרשטאָרבענער מאַמען, אָבער דער פאַרוואַלטער האָט פאַרבאָטן זי צוצו־לאָזן צו יאַנקעלען.

זי איז געווען אַ פּעטע, הויכע, דאָרפישע פרוי, מיט פאַרצויגענע, דינע ליפּן, מיט בייזע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט פאַראַכטונג. זי איז אוועק פאָדערן גערעכטיקייט דורכן געריכט. זי האָט אַנגעווענדט אַלע מיטלען זיך צו טרעפן און ריידן מיט איר אייניקל. זי פלעגט אים ברענגען נאַשוואַרג מיט אַנדערע זאַכן, וואָס קען אַ קינד צוציען. זי האָט מיט געדולד ארויסגעוויזן צום קינד גרויס ליבשאַפט, ביז זי האָט געוואונען דעם קינדס פאַרבענקט הערצל.

יאַנקעלע האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס אַלע קינדער מעגן זיין מיט זייערע באַזוכערס פריי, זיך פרייען מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס, און זיין באָבע מוז קומען באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל זי ניט זען און ער, יאַנ־קעלע, איז געוואָרן דער פאַרמיטלער אויף דורכצופירן די „זעאונג“ ניט באַ־מערקטערהייט פון קיינעם... אַ לענגערע צייט האָט עס זיך אזוי געצויגן, ביז יאַנקעלע האָט זיך צוגעוויינט צו דער גוטער פרוי און איר אויך ליב באַקומען.

דער טאָג פון משפּט האָט זיך דערנענטערט. קיין דאָקומענטן אַז יאַנקעלע איז אַ ייִד זיינען ניט געווען. לויטן אורטייל פון געריכט איז דאָס יינגל אריבער צו דער משפּחה פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער.

מיט גרויס ווייטיק און צער האָבן דער פאַרוואַלטער פון קינדער־היים און די איבעריקע באַאַמטע, לערערס און קינדער, זיך געזעגנט מיט יאַנקעלען, אי־בערגעבנדיק אים אין די הענט פון דער גויע, וועמענס רויט, צעפלאַמט פנים האָט געשיינט מיט ניצחון.

* * *

יאַנקעלע איז אריבערגעטראָטן די שוועל פון דאָרפישן הויז, וואָס איז גע־ווען פול מיט קינדער, וועלכע מען האָט זיי אים פאָרגעשטעלט ווי זיינע קוזינעס און קוזינען, אויך אַן אָנקל און אַ טאַנטע זיינען דאָ געווען. די אויסגעשטאַרצטע

אויגן פון די קינדער האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ בייז וווּנדער, יאַנקעלען איז שטאַרק אומעטיק געוואָרן. באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט און פאַר בענקט נאָך די קינדער־היים, מיט וועמען ער האָט זיך געפילט גלייך, אייגן און גוט.

אַ טיפּע בענקשאַפט איז באַפאַלן יאַנקעלען, און נאָך איידער ער האָט באַ־וויזן זיך צו פאַרטיפן אין זיינע קינדערישע געדאַנקען, האָט מען אים אוועקגע־זעצט ביים טיש, אויף וועלכן עס איז פאַר אים געווען צוגעגרייט, אויף א טעלער, אַ שטיק געבראָטן פלייש, ארומגעלייגט מיט פאַרברוינטע קאַרטאָפּעלעך. באַ־טראַכטנדיק די מאָדנע, ווייסע, פעטע פלייש האָט יאַנקעלע פאַרשטאַנען אז דאָס איז אוודאי חזיר־פלייש. איז אים באַפאַלן אַ שרעק. ער האָט גענומען דרייען מיטן קעפּל, באַטראַכטנדיק פון אלע זייטן דאָס צימער. אנטקעגן אים, אויף אַ וואַנט איז געהאַנגען אַ צלמל איינגעפאַסט אין א שיין רעמל; אַ צווייטער צלם, אַ גרעסערער, איז געהאַנגען אין אַ ווינקל פון צימער און בילדער פון הייליקע.

יאַנקעלעס הערצל איז פאַרציטערט געוואָרן. די באָבע האָט זיך לאַנגזאַם פון שטול אויפגעהייבן, צוגעגאַנגען צו אים און מילד גערעדט:

„זיי וויסן, מיין קליינער זון, אז דו הייסט ניט מער יאַנקעלע, דיין נאָמען פון היינט איז דזשאָרדזש. איצט מוזטו פאָלגן דעם אָנקל, די טאַנטע און זיין גוט מיט די קינדער!"

אין יאַנקעלעס אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו וויינען. די טאַנטע האָט שטרענג אים אָנגעקוקט און געפרעגט:

„פאַר וואָס עסטו ניט? עס געפעלט דיר ניט. דאָ מוזטו עסן וואָס מען גיט דיר. ביי מיר מוזן אַלע קינדער פאָלגן!"

יאַנקעלע האָט מיט גרויס שרעק גענומען זוכן אין זיינע קעשענעס. ער האָט פון זיי ארויסגעצויגן א קליינע יאַרמלקע און זי ארויפגעטאָן אויף זיין קעפּל און געמאַכט א ברכה. די קינדער האָבן זיך ווילד צעלאַכט. די טאַנטע האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים און די באָבע איז ווידער צוגעגאַנגען און אויפגערעגט געזאָגט:

„מיר וועלן גיך ארויסקלאַפּן פון דיין נאַריש קעפּל די אלע יידישע שטיק!"

און ארונטערנעמענדיק די יאַרמלקע פון יאַנקעלעס קעפּל, האָט זי עס אַ שמיץ געטאָן אונטערן טיש. זי האָט אריבערגעצויגן א דין קייטל מיט א קליין זילבערן צלמל איבער יאַנקעלעס קעפּל און געזאָגט:

„פון היינט אָן זיי וויסן: דאָס איז דיין גאָט. דו הערסט? פאַרשטייסט וואָס איך רייד צו דיר? איך וויל דו זאָלסט זיין אַ גוטער ייִנגל, וועלן מיר אלע דיך ליב האָבן!"

טרערן האָבן פאַרטונקלט יאַנקעלעס אויגן, ער האָט זיי ניט געקאָנט איינ־האַלטן, און ווי א הייסער שטראָם האָבן זיי זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיינע בלאַ־סע בעקלעך.

„נו, היינט, דעם ערשטן טאָג, בין איך דיר מוחל", האָט גוטהאַרציק די באָבע מיט אַ געענדערטער שטים זיך אָפּגערופן, „אָבער זאָג מיר צו, אז מאָרגן וועסטו זיין אַ גוטער ייִנגל. וועסט זען, דו וועסט זיך צוגעוווינען צו אונדז און צו אַלע־

מען! גוט, איך וועל דיר היינט געבן אנדערע שפּייז, אָבער מאָרגן וועסטו מוזן עסן ווי אלע. יאָ, דו וועסט ווערן א גוט יינגל!"

* * *

ביינאַכט, אויף זיין געלעגער, האָבן יאַנקעלען אומעטיקע פאַרקלעמטע געדאַנקען גענומען פּייניקן. ער האָט פאַר זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אייגעלעך דערזען זיין טאַטן, די קינדער פון קינדער־היים, דעם פאַרוואַלטער, די לערערס. ער האָט זיך באַדויערט. ער האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן מאָרגן צו אַנטלויפן צוריק צום קינדער־היים.

באַרואיקט פון דעם געדאַנק איז יאַנקעלע מיט אַ פאַרקלעמט הערצל איינגעשלאָפן...

אַ פּאַרשפּעקטיווע באַגעגעניש

געווידמעט מיין איייניקל — סינטיע רינק.

ווען עטע רעלאַם האָט דערהאַלטן דעם בריוו פון איר אייניקל שרהלע מיט דער נייעס וועגן איר פאַרלאַבונג מיט דוד גאָלדשטיין, דעם נאָר וואָס אויסגע־שטודירטן אַרכיטעקט, איז איר שטאַרק פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן.

ענדלעך האָט זי דערלעבט די גרויסע נחמה און פרייד. עס האָט זיך אָבער געלוינט דורכצומאַכן די פאַרשיידענע שווערע צייטן אין לעבן, ווי זי וואָלט שרעקלעך געשטראָפט געוואָרן. נאָך יונג איז זי אליין פאַרבליבן מיט צוויי קליינע טעכטערלעך ביי די הענט, און אזוי איז איר לעבן פאַרביי אין עלנט, זאָרג און אין טיפער בענקשאַפט נאָך די פאַרגאַנגענע עטלעכע גוטע, גליקלעכע יאָרן, וועלכע זיינען פאַרפלויגן אזוי גיך, צוזאַמען מיט איר לעבנס־באַגלייטער.

די איינציקע טרייסט אין עטע רעלאַמס לעבן זיינען געווען די קינדער. וואָס עלטער די קינדער זיינען געוואָרן, אלץ מער האָט זי דערקענט אין זיי דעם מילדן און גוטן פּנים פון זייער פאָטער, וואָס איז פון זיי פריצייטיק אוועק־געריסן געוואָרן.

די צייט האָט געטאָן אירס — זי איז האַסטיק געגאַנגען. די טעכטער זיינען אויפגעוואַקסן, חתונה געהאַט, און עטע רעלאַם איז אליין געבליבן. זי האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט דעם הויז, וואָס איז פון איר מאַן פאַרבליבן. יעדעס ווינ־קעלע איז איר טייער און ליב געווען.

נאָך דער פּלוצלינגדיקער שווערער קראַנקייט, ווען זי איז געבליבן האַלב־פאַראַליזירט, האָט זי דאָך ניט געוואָלט גיין לעבן מיט די טעכטער אירע און אויף אַ ראַל־שטול איז זי פאַרבליבן ביי זיך. זי האָט אריינגענומען אַ פרוי, וואָס האָט אויף איר אכטונג געגעבן און זי באַדינט. עטע רעלאַם האָט דאָס גע־טאָן, כדי ניט צו פאַלן קיינעם צו לאַסט, ניט זיין איבעריק. דאָך האָט זי זיך געפילט ווי אלעמען איבעריק, אומנוצלעך, פונקט ווי די צעשפּאָלטענע וואַזע, אין וועלכער גאָר ניט לאַנג צוריק פלעגן שיינע רויזן מיט פרישע בלומען דופטיקן.

צום ערשטן מאָל נאָך איר קראַנקייט האָט עטע איצט דערפילט, אז אפילו אין דעם צושטאַנד אירן לוינט זיך צו לעבן. עס האָט אויפגעלויכטן איר אַלט, פאַרגליווערט האַרץ. די גליקלעכע שעה האָט זיך דערנענטערט און דער ארום איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ גרויסער פרייד. אלטע פריינד, כמעט פאַרגעסענע, זיינען ווידער געקומען און געווונטשן גליק און נחת. אויך אייגענע, משפחה, האָבן זיך נענטער און מיט ליבשאַפט צו איר געטוליעט.

איין טאָג האָט עטע רעלאַם מאָדנע דערפילט דעם קלאַנג פון חתנס פאַמי־ליע־נאָמען: גאָלדשטיין! ווי אַ בליץ איז דורכגעשוומען אַ דעראינערונג אין איר געדאַנק...

ערגעץ, אין אַווינקל פון איר זכרון, איז געלעגן באַהאַלטן אַ זיסע דעראי־נערונג פון אירע יונגע יאָרן. זי איז דעמאָלט געווען אין זעלבן עלטער, ווי איצט איר אייניקל שרהלע. איז מעגלעך אַז 50 יאָר זיינען שוין פון דאַן פאַרגאַנ־גען — — —

אָט זיצט זי ביים פענצטער, אָנגעטאָן אין איר שענסטן קלייד. דאָס צימער באַפּוצט מיט פרישע בלומען, אַלץ ארום איר לויכט מיט פרייד. מיט גרויס אומגעדולד וואַרט זי אויף איר יוגנט־פריינד נחמן גאָלדשטיין. זי איז זיכער, אַז היינט, אין טאָג פון אָננעמען די פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע, אויף וועלכער ער האָט גרויסע האָפענונגען געלייגט, וועט ער געוויס עפענען פאַר איר זיין האַרץ, אויסדריקן זיינע צערטלעכע ליבע־געפילן, נאָך וועלכע זי האָט אַזוי גע־גאַרט און געחלומט...

עס איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה.

ווו איז ער? פאַר וואָס קומט ער ניט? האָט זי דאַן אומרואיק געטראַכט. אירע בליקן זיינע געפאַלן אויפן וואַנט־זייגער, רגעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שעהן. אַ געמיש פון האָפענונג מיט שרעק אין איר האַרץ — און ער איז ניט געקומען...

רואיק האָט זי איר פיין און איינזאַמקייט אין זיך געטראָגן. פאַרשעמטע טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף אירע צאַרטע באַקן, וואָס האָבן געבליט ווי די רויזן אין דער צעשפּאָלטענער וואַזע...

* * *

דאָס לעבן איז געגאַנגען זיין גאַנג. אין איין העלן, ליכטיקן טאָג האָט זי מאָטל רעלאַם באַגעגנט. נאָך אַ קורצער צייט פון גליק איז ווידער פאַר איר אַלץ פאַרהילט געוואָרן אונטער געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס. איר וועג צו גליק איז אָפּגעשניטן געוואָרן...

* * *

אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע איז עטע רעלאַם איינגעשלאָפן. אויף צומאָרגנס איז זי פרי אויפגעשטאַנען. זי האָט געוואָלט צואיילן דעם אָנקום פון גרויסן, לאַנג דערוואַרטן גליקלעכן טאָג פון איר אייניקלס חתונה.

ווען ס'איז אַלץ צו דער חופה צוגעגרייט געווען, האָט מען די באָבען ארויפ־געזעצט אויפן אינוואַלידן־שטול און זי געבראַכט אין שול אונטער דער חופה. אנטקעגן איר איז געשטאַנען אַ שיינער, אַלטער מאַן מיט זילבער־ווייסע האָר, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן זיין פנים. זיינע אויגן האָבן נאָך געשיינט מיט האַלב יוגנטלעכער פרישקייט.

ווען עטע רעלאַמס בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון אַלטן, איז אַ ציטער אדורך אירע אלטע, האַלב־אָפּגעשטאָרבענע גלידער. זיין בליק איז אָבער געבליבן גלייכגילטיק.

נאָך דער חופה, ווען מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, איז דער אלטער צוגעקומען צו עטען:

„מזל־טוב איך, באָבינקע!" האָט ער געווונטשן.

„מזל־טוב, נחמן", האָט עטע שטיל געענטפערט.

„פון וואַנען קאָנט איר מיך? ווער זייט איר“, האָט ער מיט פאַרוואונדע־רונג אויסגערופן.

„יאָ, נחמן, שווער צו געדענקען, נאָך שווערער צו דערקענען...“

„אָבער“, האָט נחמן געשטאַמלט, „וואָס געדענקען? וועמען געדענקען?“

„אָט דאָס, נחמן“, האָט די אַלטע שטיל גערעדט, „איז איצט כמעט ניט נייטיק צו וויסן“.

„אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס קומט דאָס פּאָר?!“ האָט זיך דער מאַן געבעטן.

„יאָ, מחותּנים זיינען מיר דאָך — דאַרפט איר וויסן מיט וועמען, ווי אַזוי? כ'וועל אייך זאָגן“, אין איר אויג האָט אַ טרער געגלאַנצט, „דאָס וואָס מיר האָבן ניט דערגרייכט, האָבן אָבער דערגרייכט אונדזערע אייניקלעך — זאָל זיין מיט מזל!“

מיט אירע אויסגעדאַרטע הענט, ווי אָפּגעטריקנטע, דאַרע שפּענער האָט זי אויף גיך אַ האַסטיקן שטופּ געטאָן איר ראָל־שטול, כּדי זיך פון אים צו דער־ווייטערן...

דער אַלטער האָט ברייט צעעפנט זיינע אויגן און מיט חידוש און פרייד אויסגעשריען:

„עטע! דאָס ביסטו? עטע, עטעלע!“ ער האָט איר נאָכגעיאָגט און גע־רופן. „מיין גאַנץ לעבן האָב איך דיין נאָמען מיט ליבשאַפט דערמאָנט. מיין שולד קעגן דיר געפילט. אָבער ניט איצט איז די צייט דאָס צו דערקלערן. אַך, ווי גוט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט!“ דער אַלטער מאַן האָט מיט אַ טיפן זיפץ אין דער שטיל געמורמלט.

„אַ פאַרשפּעטיקטע באַגעגעניש, אַ פאַרשפּעטיקטע...“

די נייע מאַמע

אין אַ ליכטיקן, זוניקן מאָרגן איז ליבעלע אַריינגעלאָפן זיך שפּילן מיט איר קליינער חברטע הענקעלען. ביידע זיינען פריילעכע, לוסטיקע אַרויסגע־לאָפן אין גאָרטן. אַלע פלאַנצן זיינען שוין געווען פאַנאַנדערגעעפנט, אין פולן בלי. די מילדע שטראַלן פון דער פרילינג־זון האָבן זיי געצערטלט.

די צוויי מיידעלעך זיינען לאַכנדיק און זינגענדיק אַרומגעלאָפן צווישן די פאַנאַנדערגעשפּראָצטע ראָזן, בלומען און ביימער, אויף וועלכע עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט קוים מערקבאַרע גרינע בלעטעלעך. די קינדער זיינען אַרומ־געלאָפן, זיך אַרומגעיאָגט, ביז זיי זיינען צוגעלאָפן צו דער וויג, אויף וועל־כער הענקעלע האָט זיך די ערשטע אַרויפגעכאַפּט און געבעטן ליבעלען שטופּן די וויג וואָס העכער. ווען די וויג איז שוין געווען אין פולן שווונג האָט אָבער הענקעלע נאָך אַלץ געשריען:

„העכער, העכער, ליבעלע, נאָך העכער".

ביידע האָבן זיי פאַרקלונגען דעם גאָרטן מיט זייער הילכיק געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן אַרום.

ווען הענקעלעס מאַמע, מינע, איז אַרויסגעלאָפן זען וואָס די קינדער טומ־לען, איז זי געבליבן שטיין ווי געליימט. אין זעלבן מאָמענט האָט זיך דאָס קינד אַ וואַקל געטאָן און בליץ־שנעל איז איר קליין קערפּערל שווער אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד און ווי אַ גלעזערנע כלי צעשמעטערט געוואָרן...

אויפן וועג צום שפּיטאָל איז הענקעלע געשטאָרבן. זי האָט נאָך איין מאָל קוים אויסגעשטאַמלט:

„ליבעלע... ווו איז ליבעלע ?..."

„הענקעלע ! הענקעלע !" האָט די מוטער אַ ברום געטאָן און איז פאַרגלי־ווערט געבליבן.

אין איר אומענדלעכן טרויער איז אויפגעקומען אַ שווערע באַשולדיקונג קעגן זיך און קעגן דער קליינער ליבעלען. איר האָט געפּייניקט דער געדאַנק, אַז זי האָט ניט געגוג אכטונג געגעבן אויף איר קינד, אַז ס'איז איר אייגענע נאַכלאַזיקייט. און ליבעלע, וואָס האָט אַרויסגערופן הענקעלען זיך שפּילן, איז געוואָרן איר מלאך־המוות.

אין מינעס האַרץ איז אַ האַס אויסגעוואַקסן צו דער קליינער, עלנטער ליבע־לען. ווען ליבעלע פלעגט אַ פאַרקלעמטע צוקומען צו הענקעלעס מאַמען, האָט זי איר מיט גיפט געטריבן :

„אַוועק פון מיר... איך קאָן דיך ניט אָנקוקן !"

* * *

ניט איין מאָל איז מינע אויפגעשפּרונגען פון שלאָף מיט הענקעלעס נאָמען

אויף אירע ליפּן. איר מאַן, מאָטל, פלעגט זי אָנכאַפּן און מיט אַ מילד צעבראָ־כענער שטימע פרעגן:

„ווידער דער זעלבער חלום? מוזט אויפהערן זיך פּלאָגן. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל. קליינע קינדער טוען אָפט ריזיקאַלישע זאַכן. שרעק־לעך און גרויזאַם האָט עס אונדז געטראָפן, אָבער דו טאָרסט זיך ניט באַשול־דיקן און אויך ניט ליבעלען. דאָס וועט הענקעלען צוריק ניט ברענגען!"

„ווען ניט זי, וואָלט עס ניט פּאַסירט", האָט מינע טרויעריק געקלאָגט, און אַ צעבראָכענע האָט זי צוגעגעבן:

„דער שווערער חלום איז געווען צוליבן היינטיקן מאָרגן — היינט האָט דאָך אונדזער הענקעלע באַדאַרפט אָנפאַנגען גיין אין שול".

„איך ווייס", האָט מאָטל געענטפערט. „איך האָב ניט פאַרגעסן".

מינע האָט מיט די הענט זיך פאַרשטעלט די אויגן און מיט פאַרשטיקטע טרערן ארויסגעמורמלט:

„איך האָב דיך באַרויבט פון דיין טאָכטער. פלעגסט אלע מאָל זאָגן, אז איך זאָל אָפּגעבן מער צייט פאַרן קינד".

מאָטל איז אויפגעשטאַנען, זיך אוועקגעזעצט אויפן בעט, אָנגענומען מינעס האַנט און לאַנגזאַם, רואיק גערעדט צו איר:

„מיין טייערע, הענקעלע איז שוין לאַנג טויט. דו האָסט ניט אוועקגע־רויבט פון מיר מיין קינד, אָבער דו ווילסט זיך אליין אוועקנעמען פון מיר. מיט יעדן טאָג דערווייטערסטו זיך פון מיר אַלץ מער און ווערסט אַלץ מער פאַרזונ־קען אין צער און טרויער. מינע, איך זאָג דיר, ווי לאַנג דו וועסט ניט אויפ־הערן באַשולדיקן זיך, וועלן מיר ביידע דעם פּיין ניט קאָנען אריבערטראָגן. האָסט אויך ניט קיין רעכט צו באַשולדיקן ליבעלען. זי איז אַן אומשולדיק, עלנט קינד וואָס דאַרף זיך האָדעווען ביי אַן אַלטער קראַנקער באָבען, וועלכע האָט זי ארויסגעריסן קוים אַ לעבעדיקע פון די דייטשישע מערדער־הענט! דו גע־דענקסט ווי הענקעלע פלעגט זי ליב האָבן, ווי אירע אייגעלעך פלעגן אויפלויכטן ווען זי פלעגט זי זען?"

מאָטל איז שטיל געבליבן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן:

„איך גיי היינט זען אַן אַנדער הויז פאַר אונדז. אפשר אין אַן אַנדער געגנט, אין אַן אַנדער וווינונג וועט אַ ביסל לייכטער ווערן?..."

* * *

מינע קוקט ארויס דורכן פענצטער, זעט די שכנישע קינדערלעך שפּילן זיך. דאַן שוועבן אויף פאַר אירע אויגן יענע גליקלעכע טעג, ווען הענקעלע איז אויך געווען מיט זיי. באַלד וועט ליבעלע פאַרבייגיין צו דער שול. זי דערמאָנט זיך ווען ביידע קינדער זיינען געווען איבעראַשט און אומגעדולדיק, געציילט די וואָכן און טעג, ווען זיי וועלן אָנהייבן גיין אין שול אריין.

אין איינעם פון יענע טעג איז איר קליין טעכטערל צוגעלאָפן צו איר און געפרעגט:

„ווי וועט ליבעלע קאָנען דעם ערשטן טאָג קומען אליין אין שול? איר באָ־בע קאָן איר דאָרטן ניט ברענגען. זי איז אַלט און זעט ניט".

„זאָרג ניט, קינד מיינס", האָט די גליקלעכע מאַמע געענטפערט, „ווען איך וועל דיך נעמען אין שול, וועל איך אויך ליבעלען מיטנעמען".

הענקעלע איז פון פרייד ארויפגעשפרונגען אויף דער מוטערס שויס, מיט ליבשאַפט זיך געטוליעט צו איר און זי באַדעקט מיט קושן.

ווען מאַטל איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט מינע צוזאַמענגענומען אלע אי־רע דעראינערונגען, ווי שפּלינטערס פון אַ צעבראָכענער כלי. זי האָט געוואַשן די געפעס, צוגעקליבן די קיך, זי האָט געזוכט וואָס מער אַרבעט, אָבער אָן הענ־קעלען אין הויז איז ניט געווען פיל צו טאָן. אלץ איז געשטאַנען ניט אָנגערירט, אין אָרדענונג.

די צייט האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם, דער זייגער האָט געוויזן אַכט — די צייט ווען קינדער גייען אין שול. מינע האָט געעפנט די טיר, ווי אין אַ חלום האָט זי זיך ארויסגעשלייכט אויף דער וועראַנדע. זי האָט געזען ווי די שכנישע קינדער, פריש און זויבער, אָנגעטאָן אין זייערע שול־קליידער, מיט בלאַנק אָפּגעפּוצטע שיכעלעך, זיינען פאַרבייגעגאַנגען מיט פריילעכע פּנימלעך, זיך האַלטנדיק ביי זייער מוטערס האַנט.

די קני האָבן זיך מינען אַ בויג געטאָן, זי האָט זיך געמוזט צושפּאַרן צו דער וואַנט. זי האָט קיין כוח ניט געהאַט צוריקצוגיין צו דער טיר, אריינצוגיין צוריק אין הויז. זי האָט אירע אויגן ניט געקאָנט אוועקנעמען פון די קינדער, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען.

ליבעלע איז אַ פּאַרשפּעטיקטע פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג צו דער שול. עס איז שוין געווען נאָענט צו 9 אזייגער. דאָ האָט מינע בייז אוועקגעריסן די אויגן פון איר, אוועקגעקוקט. אירע הענט האָבן געגומען ציטערן, אַ פינצטער־ניש האָט פארטונקלט איר בליק. זי האָט ווידער זיך געמוזט אָנשפּאַרן צו דער וואַנט. מינע האָט ליבעלען ניט געזען פון דעם טאָג פון אומגליק. ליבעלע איז דאַן פון גרויס שרעק קראַנק געוואָרן און איז אַ לענגערע צייט געלעגן אין בעט. און דאָ, פּלוצלינג, זעט מינע ווי ליבעלע איז אונטערגעוואַקסן. ליבעלע האָט מינען ניט געזען. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, האָט אויסגעזען פאַרלוירן, אומעטיק און עלנט.

מינע האָט צו זיך אליין געזאָגט:

„איך האָס דאָס קינד! אלץ צוליב איר!"

אין דעם מאָמענט האָט ליבעלע אַ בליק געטאָן אויף מינען מיט אַ טרויעריקן שמייכל, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט...

פּלוצלונג האָט אין מינעס אויערן אָפּגעקלונגען הענקעלעס שוואַך קול, אירע לעצטע ווערטער:

„ליבעלע, ווו איז ליבעלע?"

ניט טראַכטנדיק, ווי אין אַ חלום, איז מינע אראָפּ פון דער וועראַנדע און אריבער דעם וועג, צו ליבעלען. מינע האָט געפילט, ווי הענקעלע דערמאָנט איר איצט אינעם צוזאָג צו ברענגען ליבעלען דעם ערשטן טאָג אין שול.

יאָ, זי וועט האַלטן איר צוזאָג צו איר קינד. זי וועט האַלטן וואָרט. זי וועט גיין מיט ליבעלען, ניט קוקנדיק ווי זי פילט — —

מינע איז געשטאַנען אַנטקעגן ליבעלען. אירע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, אין מויל איז איר טרוקן געוואָרן. זי האָט די צונג ניט געקאָנט רירן. איר מאַן מאָטל האָט איר געזאָגט, אז זי וועט קיין מאָל ניט אריבערטראָגן די שרעקלעכע פּיין און פוסטקייט אין איר האַרצן, ביז זי וועט ניט מוחל זיין דאָס קינד.

„ליבעלע", האָט מינע צו איר זיך דערנענטערט און ארויסגעזיפצט, „איך וועל דיך אוועקפירן אין שול!"

ליבעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט און געענטפערט:

„איך ווייס, הענקעלע האָט מיר דערציילט, אז איר האָט צוגעזאָגט". איר שטימעלע האָט אַ ציטער געטאָן.

מינע האָט פאַרשטאַנען, אז זי האָט געהאַט אַן אומעטיקן, איינזאַמען זומער, זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע לײדיקע הענטעלעך און געפרעגט:

„האָסט ניט מיטגענומען וואָס צום עסן? און געלט פאַר מילך?..."

ליבעלע האָט זיך קינדעריש פאַרענטפערט, אז זי האָט ניט קיין לוסט צו גיין אין שול, ווייל דאָרטן זיינען פאַראַן וויגן און זי קאָן זיי ניט אָנקוקן...

„איך האָב יענעם טאָג ניט געוואָלט גיין צו דער וויג, אָבער הענקעלע האָט מיך גערופן..." האָט ליבעלע טרויעריק זיך פאַרענטפערט.

מינע האָט פאַר אַ רגע פאַרמאַכט אירע אויגן און ווידער דערזען דאָס שרעקלעכע בילד.

„אָבער צו וואָס האָסטו די וויג איינגעוויגט אזוי הויך? פאַרוואָס? פאַרוואָס איז די וויג געפלויגן העכער ווי אַלע מאָל?" האָט מינע צעבראָכן געפרעגט.

„דאָס האָט הענקעלע אזוי געוואָלט: העכער, העכער, נאָך העכער, נאָענט צום הימל ארויף! אזוי האָט הענקעלע געשריען. איך האָב איר שטאַרק ליב געהאַט. איצט האָב איך קיינעם ניט. מיין באָבע איז אַלט און קראַנק און בלינד. זי וויל מיך ניט מער. אויב איר וואָלט וועלן, וואָלט איך אריינקומען צו אייך..."

מינע האָט זיך איינגעבייגן צו ליבעלען, זי ארומגענומען און אַ פאַרקלעמטע, מיט אַ צעבראָכענער שטים אויסגערופן:

„מיין קינד, דו קאָנסט אריינקומען צו מיר און צו הענקעלעס טאַטן. קום אריין יעדן טאָג, וועסט זיך שפּילן מיט הענקעלעס שפּילצייג". מינען זיינען אריין טיף אין האַרצן ליבעלעס ווערטער: מיין באָבע איז אַלט און קראַנק און בלינד.

„איך וועל ריידן מיט דיין באָבען. אפשר וועט זי דיך לאָזן זיין ביי אונדז..." האָט מינע צוגעגעבן און געפּרוווט אַ ביסל באַרואיקן דאָס עלנטע קינד.

מיט אַמאָל האָט אויפגעלויכטן פאַר מינען אַ נייע וועלט. פאַר אירע אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס בילד פון איר שמייכלדיקער הענקעלען, ווען זי פלעגט ביינאַכט זי צודעקן, איינוואַרעמען, קושן און אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע, אויף די שפּיץ פינגער, ארויסגיין פון איר צימער.

מיט אָט דעם זעלבן געפיל האָט מינע זיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט אירע אייגענע און ליבעלעס טרערן, אָנגענומען איר פאַרן הענטל און זי געפירט אין שול.

דער וועג צוריק

אַ מתנה מיין איניקל — שושנה רינק.

אין זיין קליין שטעטל אין ליטע, איז ר׳ חיים זיוו באוווסט געווען ווי אַ גרויסער גביר. זיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון א גרויסן שניט־געשעפט מיט אַ צוויי עטאַזשנער מויער. באַליבט איז ער געווען ביי אלעמען מיט זיין פרומקייט, גוטסקייט און ערלעכקייט. ער האָט ערנסט און איבערגעגעבן געטאָן קהלשע ארבעט אין שטעטל.

ר׳ חיים זיוו האָט געהאַט איין אייציקן זון. תמיד האָט ר׳ חיים געחלומט צו מאַכן זיין איינציקן זון, הערשעלע, פאַר אַ רב. גענוג אז ער אליין איז פאַרטאָן כסדר אין זיינע געשעפטן, זאָל דערפאַר זיין זון דערגרייכן עפּעס העכערס און שענערס אין לעבן. ער האָט קיין געלט ניט געזשאַלעוועט און אראָפּגעבראַכט די בעסטע מלמדים און לערערס פאַר זיין יינגל. הערשעלע האָט געהאַט אַ גוט קעפּל, דערצו האָט ער אויך געוואָלט לערנען. טאַטע־מאַמע האָבן זיך ניט געקאָנט גענוג אָנזעטיקן מיט דער פרייד, וואָס זייער קינד האָט זיי פאַרשאַפט.

ווען הערשעלע איז געוואָרן בר־מיצווה האָבן זיינע עלטערן באַשלאָסן אים שיקן אין אַ גרויסער שטאָט, אין אַ ישיבה, אָבער דאָך האָט זיין טאַטע געוואָלט אין דער זעלבער צייט אים געבן אַ ביסל וועלטלעכע דערציאונג. פאַר דעם צוועק האָט ער געדונגען דעם בעסטן לערער, און יעדן סוף־יאָר, ווען הערשעלע פלעגט אָפּגעבן די עקזאַמענס, האָט ער באקומען די בעסטע אויסצייכענונגען.

יאָרן זיינען געגאַנגען. הערשעלע האָט געלעבט אין דער פרעמד אין אלע באקוועמלעכקייטן און אָן זאָרגן, ניט ווי זיינע חברים, די ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן גענדאַרפט זיך באַזאָרגן מיט אַ „טאָג״ און א מלבוש.

הערשעלע איז פאַרבליבן אין ישיבה עטלעכע יאָר ביז ער האָט באַקומען סמיכות אויף רבנות. זיין פאָטער, וואָס האָט טאַקע געוואָלט אז זיין זון זאָל זיין א רב, איז געווען צופרידן, אָבער הערשעלע האָט זיך איינגעשפּאַרט, אז ער וויל גיין אין אוניווערסיטעט און ווייטער שטודירן. די עלטערן זיינען געווען פאַרצווייפלט, אָבער נאָך לאַנגע ראַנגלענישן האָבן זיי געמוזט זיך אונטערגעבן. הערשעלע איז געפאָרן אין שטאָט, וו ער האָט אָנגעהייבן שטודירן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ר׳ חיים ביי אים געבעטן איין זאַך:

„הערשעלע, געדענק אז דו ביסט א ייד, זאָלסט בלייבן געטריי דיין פאָלק!״

הערשעלע האָט זיינע עלטערן הייליק צוגעזאָגט, אז וואָס עס זאָל ניט געשען און ווו ער זאָל ניט זיין, וועט ער פאַרבלייבן דער זעלבער פרומער ייד און אַ געטרייער זון.

* * *

אין אוניווערסיטעט האָט הערשעלע זיך באַקאַנט מיט אַ סטודענט, ניקיטאַ, אַ קריסט. זיי האָבן זיך געהאַלטן נאָענט, ווי גוטע פריינד.

שפּעטער איז פון הערשעלען געוואָרן גרישאַ. ער איז אָבער געבליבן געטריי זיין צוזאָג. ווייטער ווי ענדערן זיין נאָמען איז ער ניט געגאַנגען. אין זיינע בריוו צו די עלטערן האָט ער זיי פאַרזיכערט, אז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.

ניקיטאַ פלעגט אָפט גרישאַן דערציילן פון זיין שיינער געראָטענער שוועסטער. ער פלעגט פיל וועגן איר ריידן און זי לויבן. אין גרישאַן האָט זיך דערוועקט א נייגער באַקענען זיך מיט זיין פריינדס שוועסטער, און ווען ניקיטאַ האָט איין טאָג פאר אים פאַרגעשטעלט זיין שוועסטער, נאַדיאַ, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון איר שיינקייט. נאַדיאַ האָט געהאַט בלאָע אויגן מיט אַ געשניצטער נאָז און אַ שיין רונד פּנים, אַ קליין מיילכל מיט ווייסע ציין ווי פּערל, שיינע געלאָקטע בלאָנדע האָר, און איר פיגור איז געווען שלאַנק און גראַציעז.

דעם געוועזענעם ישיבה־בחור האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס איז אַ בייזער גילגול, א פאַרשטעלטער אין א וואונדער־שיינע געשטאַלט, וואָס וויל אים פאַנגען און אראָפּפירן פון וועג...

גרישאַ האָט זיך דאָך געפילט גוט, ווען ער איז געווען אין איר געזעלשאַפט. אַן אויסערגעוויינלעכער געפיל האָט אים באַהערשט פון דער ערשטער מינוט, ווען ער האָט זי דערזען און מיט יעדן קוק, מיט יעדן שמייכל אירן, איז דאָס דאָזיקע געפיל אַלץ שטאַרקער געוואָרן...

ניקיטאַ האָט פאַרשטאַנען וואָס ביי גרישאַן אין האַרצן קומט פאָר. ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אז צווישן זיין פריינד דעם יידן זאָל זיך פאַרקניפּן אַ ליבע מיט זיין שוועסטער. דערביי האָט ניקיטאַ געהאַט זיין אייגענע אויסרעכענונג: זיין פאָטער איז אַ קראַנקער, אָבער זייער רייך און ער האָסט שטאַרק די יידן. ער האָט אין דעם געזען די בעסטע געלעגנהייט פאַר זיך ווי צו ווערן דער איינציקער יורש פון זיין פאָטערס גרויסן פאַרמעגן. זיין פאָטער וועט זיך דערוויסן אז די טאָכטער זיינע איז פאַרליבט אין אַ יידן, וועט ער איר געוויס פאַרטרייבן פון זיך און זי אויסמעקן פון זיין צוואה.

ניקיטאַ האָט זיך ענערגיש גענומען דורכפירן זיין פּלאַן. שווער איז אים דאָס ניט געווען, ווייל נאַדיאַן איז זייער געפעלן געוואָרן דער יידישער בחור. די איינציקע פראַגע איז געווען, ווער וועמען זאָל זיך אונטערגעבן אין שייכות מיטן בייטן דעם גלויבן.

גרישאַ האָט געוואָלט אז נאַדיאַ זאָל אָננעמען דעם יידישן גלויבן, נאַדיאַ אָבער האָט פאַרלאַנגט אז גרישאַ זאָל זיך שמדן. זי איז געווען זייער איינגעשפּאַרט און אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אז גרישאַ זאָל זיך אונטערגעבן.

גרישאַ, דער ישיבה־בחור, האָט זיך געראַנגלט צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט — פאַרטשאַדעט פון דער הייסער ליבע צו נאַדיאַן און פון דער צווייטער זייט — זיינע פרומע עלטערן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און אים ווי דערמאָנט ווער ער איז.

גרישאַ האָט מיט שרעק געטראַכט וועגן זיין גורל און וואָס פון אים וועט

ווערן, ווען טאַטע־מאַמע וועלן זיך דערוויסן וועגן אים — זיי וועלן זיכער אזא קלאַפּ ניט אריבערטראָגן.

גרישאַ איז ארומגעגאַנגען ווי אין עולם־התוהו. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין לערנען, ניט געקאָנט שלאָפן און ניט עסן. זיין האַרץ מיט זיינע געדאַנקען האָבן געהאַט א געפערלעכן גערანגל צווישן זיך. אַ שרעקלעכע מלחמה איז פאָרגעקומען אין אים. נאַדיאַ האָט פאַרלאַנגט אַן ענדגילטיקן ענטפער. אויך ניקיטאַ האָט ניט געשוויגן, ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן מיט זיין פריינד און אים צוגערעדט. אגב, איז ער געווען זיכער, אז פאר זיין פאָטער וועט זיין דאָס זעלבע, צי גרישאַ וועט ווערן אויס ייד צי ניט. ער האָט גוט געקענט זיין פאָטער און געוווסט אַז פאַר אים וועט דאָס זיין פון קליינעם באַדייט, ווייל זיין האָס צו יידן איז אין אים שטאַרק איינגעוואַקסן.

נאָך פיל ראַנגלענישן האָט דער טייוול געזיגט און גרישאַ האָט איינגע־שטימט. פון פרומקייט איז ער שוין סיי ווי געווען דערווייטערט. ער האָט נאָר געוואָלט, אז זיינע עלטערן זאָלן דערפון ניט וויסן. גרישאַ האָט געביטן זיין נאָמען אויף גריגאָריע קאַזאַקאָוו — אַן עכטער קריסטלעכער נאָמען — און א גלח האָט דורכגעפירט זייער חתונה. זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אז נאַדיאַ זאָל דער־ווייל בלייבן ביי זיך אהיים. אויב איר פאָטער וועט ניט איינשטימען צו איר שריט, וועט נאַדיאַ גיין צו איר מאַן גריגאָריען.

דער פאָטער האָט באַמערקט די ענדערונג אין זיין טאָכטער, וועלכע איז געוואָרן טרויעריק און פאַרצווייפלט. ווען ער איז צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל אים זאָגן די סיבה פון איר נידערשלאָגנקייט, האָט נאַדיאַ ניט געהאַט דעם מוט צו דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט. ניקיטאַ האָט אָבער יאָ אַלץ דערציילט. ווען נאַדיאַ האָט באַשטעטיקט, אז אַלץ איז אמת, האָט איר פאָטער אין א שטרענגן טאָן דערקלערט, אז ער וועט אַזאַ שאַנדע אין זיין פאַמילע ניט דערלאָזן — די הייראַט מוז אָפּגעווישט ווערן. נאַדיאַ האָט געוויינט און געבעטן איר פאָטער, פאַלנדיק אויף די קני, ער זאָל דאָס ניט טאָן, ווייל זי ליבט שטאַרק איר מאַן און קאָן אָן אים ניט לעבן. איר וויינען און בעטן האָט אָבער אויף איר שטרענגן פאָטער ניט געווירקט. נאַדיאַ האָט געטאָן דאָס וואָס זי האָט צוגעזאָגט איר גריגאָ־ריען — זי האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן און שטיל זיך ארויסגעגנבעט פון הויז און אוועק צו אים.

* * *

אין יענער צייט איז גריגאָריע קאַזאַקאָוו געווען אַן אָרעמער אָנפאַנגער־דאָקטאָר, וועמען זיינע עלטערן פלעגן שיקן צום לעבן, ביז ער וועט ווערן באַ־ווּסט און באַקומען אַ נאָמען.

נאַדיאַ, וואָס איז געווען געווינט צו גרויס לוקסוס, איז דאָס פאַר איר געווען אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ. זי האָט אָבער ניט ארויסגעוויזן איר אומצופרידנ־קייט, זי האָט עס געפרווט נעמען לייכט, מיט זאַרגלאָזיקייט און מיט ליבע.

עס איז אוועק אַ קורצע צייט. דאָס פייער פון ליבע צווישן נאַדיאַן און גרי־גאָריען האָט ביסלעכווייז גענומען זיך אָפּקילן. טעג פון אנטוישונג, פאַרביטע־רונג און קריגערייען זיינען געקומען. ביידע האָבן געהאַט טענות איינער צום אַנדערן. נאַדיאַ האָט געצאָרנט, אז צוליב אים, גריגאָריען, האָט זי איבערגע־

ריסן מיט איר פּאָטער, וואָס האָט זי אויסגעמעקט פון זיין צוואה. גריגאָריע־הערשעלע האָט געטענהט, אז צוליב איר איז ער אוועק פון זיין רעליגיע, פון זיינע עלטערן און זיין פאָלק.

וואָס אַ טאָג ווייטער איז אַלץ ערגער געוואָרן. זייער לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטילן גיהינום.

אין יענער צייט האָבן די ווילדע נאַציס אויפגעהייבן זייערע ברוטאַלע קעפּ און האָבן זייערע גזלנישע הענט געלאָזט אין באַוועגונג. די נאַצישע שוואַרצע פליגלען האָבן גענומען זיך אויסשפּרייטן איבער די ארומיקע שטעט און שטעט־לעך. יידיש לעבן און זייער האָבן און גוטס איז געוואָרן הפקר.

גריגאָריע האָט דעמאָלט דערהאַלטן די טרויעריקע נייעס, אז די נאַציס זייַ־נען ווי ווילדע גזלנים באַפאַלן זייער שטעטל און דאָרטן צוזאַמענגענומען אלע יידישע מענער און זיי אָפּגעשיקט אויף אַרבעט אין אן אומבאַקאַנטן פּלאַץ. ווען זיין פּאָטער, ר׳ חיים זיוו, האָט מיט אַ האַרצרייסנדיקן קול אויסגערופן ביים גע־זעגענען זיך מיט דער מוטער:

„איך פיל, אז אונדזערע לעבנס זיינען פארשפּילט, אָבער איך האָף איז מיין זון וועט איבערלעבן און ווייטער ציען די קייט פון יידישן פאָלק״. — אזוי האָט הערשעלעס מוטער אים געשריבן אין איר לעצטן בריוו מיט אַ צעבראָכן און טרויעריק האַרץ.

דער קלאַפּ איז געווען צו גרויס פאַר דעם יונגן משומד. דעם פּאָטערס ווערטער האָבן זיין האַרץ צעריסן. ער האָט זיך דערפילט מאַכטלאָז, נידעריק און שולדיק. ער האָט זיך פאַרגליכן צו אן אראָפּגעפאַלענעם, פאַרפוילטן בלאַט פון אַ בוים, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער ערד און וועט פון ווינט פארטראָגן ווערן ערגעץ צו אַ קופּע מיסט. די פלאַמענדיקע ליבע צו נאַדיאַן, וואָס איז שוין לאַנג פאַרלאָשן, האָט שוין דעם דאָזיקן ווייטיק מער ניט געקאָנט שטילן.

* * *

די צייט איז זיך געגאַנגען. גריגאָריע קאַזאַקאָוו פלעגט אָפּט באזוכן יידישע קראַנקע. איין טאָג, גייענדיק פון א יידישער הויז, האָט זיך זיין האַרץ פאר־קלעמט און אין זיינע אויערן האָבן אָפּגעקלונגען זיין פּאָטערס ווערטער, ביים גע־זעגענען זיך:

„געדענק, הערשעלע, אז דו ביסט אַ ייד, בלייב געטריי דיין פאָלק!״

און פאַר זיינע אויגן האָבן בעת מעשה גענומען שווינגען די ווערטער פון זיין מוטערס בריוו:

„מיין זון וועט ווייטער ציען די קייט פון יידישן פאָלק״.

מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער לאַנגזאַם צוגעקומען צו זיין הויז. ער האָט נאַדיאַן ניט געפונען. אויפן טיש איז געלעגן אַ צעטעלע מיט די ווערטער

איך קאָן מער ניט אריבערטראָגן, איך מוז גיין. דעם פאַרפלוכטן ייד פיל איך אין דיר. מיין פּאָטער וועט זיך אָפּרעכענען מיט דיר פאר מיך פארפירן. איך האַס דיך און האַס דיין פאָלק.

גריגאָריע איז געבליבן זיצן אַ לאַנגע צייט ווי אַ באַטויבטער. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער זיך געפרעגט: וואָס זאָל ער טאָן? פאר וועמען האָט ער מקריב געווען זיין געוויסן, זיין גלויבן, זיינע עלטערן, זיין פאָלק?

פלוצלונג האָט ער דערפילט, אז זיין מוטער איז דאָרט, אין געטאָ, אין געפאר.

צוריק! — האָט אַ געדאַנק געהאַמערט אין זיין מוח. צוריק צו דיין אָנגעהעריקייט, צו דיין אומגליקלעכער יידישער מאַמען!

אין גרויס געפאַר, איינשטעלנדיק זיין לעבן, האָט ער זיך דערשלעפּט, דורך פעלדער און וועלדער, צו זיין שטעטל. אָן אויסגעשעפּטער און פאַרמאַטערטער איז ער אריין אין דער היים. די מוטער האָט ער ניט געפונען, נאָר אויפן טיש איז געלעגן א בריוול: מען איז געקומען נאָך מיר, האָט זיך דאָרטן געלייענט, פון טאַטן איז קיין שפור ניטאָ. איך בין אים מקנא וואָס ער האָט פארלאָזן די גרויליקע וועלט. נאָר דער טויט קען מיך אויסלייזן פון די שרעקלעכע יסורים און פיין.

אין דעם מאָמענט איז גריגאָריע־הערשעלע פאַרציטערט געוואָרן, און גרויס חרטה און באַדויערן אויף זיינע זינד האָט גענומען עגבערן זיין מוח:

ער מוז אָפּווישן זיינע גרויסע זינד קעגן זיינע פרומע עלטערן. אין זיינע אויערן האָט גענומען קלינגען זיין פאָטערס שטימע:

„ווייטער ציען די קייט פון יידישן פאָלק".

גריגאָריע־הערשעלע האָט זיך אָנגעגורט און איז האַסטיק אוועק הינטערן שטאָט אין די וועלדער. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די פאַרטיזאַנער אין קאַמף קעגן די נאַצי־מערדער. אין אָט די גרויליקע שעהן פון זיין לעבן, האָט ער געזוכט אַ וועג ווי זיך ריינצוואַשן פון זיינע זינד. און דאָס איז געווען דער וועג — נקמה.

דער אַלטער טאַטע

משה לייב האָט ניט געהאַט קיין אינטערעס זיך צוצוהערן צום געשפּרעך פון די אַלטע לייט ארום אים. ער איז פאַרטראָגן געוואָרן אין זיינע אייגענע גע־דאַנקען פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן. פאַר די אויגן זיינע האָבן גענומען שוועבן בילדער, ווען ער איז נאָך געווען יונג, ווען ער האָט זיין חיה־רחלען געטראָפן צום ערשטן מאָל. די גליקלעכע יאָרן פון זייער אָנפאַנג־לעבן, פון זייערע צוויי יינגעלעך — זייער נחת. די פּרנסה איז געווען א שווערע און מאָגערע. ביז איין טאָג איז געקומען דער באַשלוס צו פאָרן זוכן א גרינגערן לעבן פאַר זיך, און א בעסערע צוקונפט פאַר ווייב און קינדער.

משה לייבס געדאַנקען און זיכרונות ציען זיך צוריק: ווען ער איז געקומען אין אפריקע, געשטופּט א קליין וועגעלע מיט אַ ביסל גרינס, צוגלעגענע עפּל און פּירות — ניט פון די בעסטע. קיין געלט האָט ער ניט געהאַט, ער האָט גע־אַרבעט שווער, ניט געפילט זיך, ער איז געווען יונג, שטאַרק און פריינדלעך צו אלעמען. מענטשן האָבן אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן און געגעבן צו לייזן. ער פלעגט אויפשטיין באַגינען און שטופּן דאָס וועגעלע, אָנבאַטנדיק זיין סחורה. אפילו אין די אָוונטן פלעגט ער אָנקלאַפּן אין טירן פון הייזער, ווו מענטשן פלעגן זיצן רואיק נאָך זייער אָוונטברויט.

עס זיינען אוועק שווערע יאָרן. משה לייב האָט ביסלעכווייז גענומען אָפּ־שפּאָרן א פונט נאָך אַ פונט. ער האָט גענומען חלומען וועגן א בעסערן און לייכטערן לעבן.

„דו ווייסט", זאָגט ער איין מאָל צו זיין ווייב חיה־רחלען, „לאָמיר מאַכן אַ געשעפט. די קינדער זיינען שוין אונטערגעוואַקסן, ועסטו קענען צוהעלפן".

„איך האָב שוין לאַנג דערפון געטראַכט, גענוג פאַר דיר די שווערע האָרע־וואַניע. זעסט דאָך אז עס איז אונדז היינט פיל בעסער ווי אַמאָל. מיר וועלן זיך נאָך ארויפאַרבעטן און לעבן ווי לייטן... ביים אויבערשטן קען גוטס קומען אומגעריכט. מיר וועלן נאָך האָבן פיל כבוד און נחת פון אונדזערע זין. זיי וועלן נאָך ווערן דאָקטוירים, אדוואָקאַטן", האָט חיה־רחל מיט פרייד זיך אָפּגערופן.

אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער משה לייבס פאַרוואָלקנט אַלט פּנים און זיינע זיכרונות ציען זיך ווייטער:

אַ קליין געשעפט. דאָס לעבן איז גרינגער געוואָרן. די האָפענונג גרעסער. די זין אָן עין־הרע לערנען, וואַקסן, און צוזאַמען מיט זיי וואַקסט אויך דאָס גע־שעפט. די זין האָבן פאַרענדיקט די הויך־שול, אָבער האָבן קיין חשק ניט גע־האַט מער צו לערנען. פיל גרינגער איז זיי געווען זיך דורכשפּאַצירן אין טאַטנס גרויסן געשעפט עטלעכע מאָל אין טאָג און האָבן א גרינגן לעבן איידער לערנען. און אָט האָט זיך משה לייב געזען ווי אין שפּיגל, אָנקוועלנדיק פון די גערא־

טענע זין זיינע, וועלכע נעמען אנטייל אין זיינע געשעפטן. אַ פרייד האָט אים דורכגענומען, טראַכטנדיק, אז אין גיכן וועט ער, משה לייב, קאָנען געניסן פון זיין לאנג־אויסגעבענקטן אָפּרו. ער וועט ווערן א ביסל פרייער.

„נישקשה", האָט ער געטרייסט זיין חיה־רחלען, „נחת פון קינדער קאָן מען האָבן אפילו ווען זיי זיינען ניט קיין דאָקטוירים, אפטייקערס און אדוואָקאַטן".

די יאָרן האָבן, ווי רעדער, זיך געיאָגט אין געלויף: רייכטום, כבוד. משה לייב האָט אַנטייל גענומען אין שטאָטישע אונטערנעמונגען, אין קהלישע ענינים. דערווייל האָבן די זין אלץ מער אין די געשעפטן זיך ארייַנגעטאָן. משה לייב האָט שוין ווייניק געאַרבעט. אַ זיסער שמייכל צעגיסט זיך איבער זיין פנים דער־מאָנענדיק זיך פון די פריילעכע צייטן אין זיין לעבן, ווען זיינע זין האָבן חתונה געהאַט, ער איז אַ זיידע געוואָרן. ער איז נאָענט צו 70, יאָגט ער ווינציקער. ארבעט ניט פיל.

פלוצלונג איז משה לייבן באַפאַלן אַ קראַנקייט. ער האָט געמוזט דורכמאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע. איידער ער איז געגאַנגען אין שפיטאָל האָט ער אַלץ איבערגעשריבן אויף זיינע זינס נעמען. זיי פירן דאָך דאָס געשעפט. אויב אַלץ וועט גיין כשורה, ער וועט געזונט ווערן, וועט ער רואיק זיך אויסלעבן די יאָרן. — ער וועט האָבן גענוג — האָבן אים די זין פאַרזיכערט. אַ חודשלעכע שכירות צום לעבן און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

משה לייב איז געזונט געוואָרן, אָבער האָט שוין מער ניט געהאַט זיינע פריערדיקע כוחות. ער האָט זיך אָבער ניט געפילט ווי ארומצוגיין ליידיק.

משה לייב האָט געוואָלט צוריק קומען אין געשעפט, האָט איינער פון די זין אים פאָרגעלייגט:

„ווייסטו וואָס, טאַטע, פאַרקויפן, ריידן מיט קונדן, דאָס איז שוין מער ניט פאַר דיר, נאָר ארויסצושיקן סחורה, דאָס קאָנסטו!"

משה לייב האָט איינגעשטימט, אָבער אים האָט אַ דריק געטאָן אין האַרצן: ארבעטן ביי אייגענע קינדער, ער, דער טאַטע. ערשט ווי לאַנג איז דען אז ער איז געווען דער בעל־הבית... משה לייב האָט זיך דערפילט שוואַך און קליין, ער האָט זיך אַליין געטרייסט: אזוי איז דאָס לעבן, ווי אַ ראָד דרייט זיך עס ארויף און אראָפּ. פריער האָבן די קינדער געאַרבעט ביי אים, היינט ארבעט ער ביי זיי. שווער, שווער, האָט משה לייב געזיפצט.

די יאָרן האָבן זיך אויף אים ארויפגערוקט, ער איז געוואָרן שוואַכער, די ארבעט איז אים געפאַלן שווערער. ער האָט געפּרוווט זיך נעמען אַ ביסל גרינ־גער, זיך צולייגן אַ פאַר שעה נאָך מיטאָג, איז דאָס אָבער זיינע זין ניט געפעלן און זיי האָבן שטרענג געזאָגט:

„אויב די אַרבעט פאַלט דיר שווער, טאַטע, קענסטו זיך זוכן א לייכטערע שטעלע".

משה לייב האָט זיך דערפילט דערנידעריקט. ער האָט די זינס געשעפט ניט געוואָלט פארלאָזן. האָט זיך דאָס אזוי ווייטער געצויגן ביז... ביז זיין ווייב חיה־רחל איז געשטאָרבן. די זין האָבן דעם טאַטן צוגערעדט צו האָבן אַ לייכטן

און רואיקן לעבן, ער זאָל גיין לעבן צווישן זיינס גלייכן, מיט עלטערע מענטשן. ער וועט דאָרט ניט פילן קיין אומעט, ניט זיין עלנט און בענקען נאָך דער מאַמען...

* * *

זיצט דער אַלטער טאַטע אין דער שטילער היים, זעלטן אין א זונטיק באַוויזט זיך אַ זון, אַ שנור אָדער אַן איניקל... ער זיצט צווישן אַלטע פרעמדע מענטשן, הערט זיך אָבער ניט צו צו זייערע שמועסן. זיינע געדאַנקען האַלטן אין איין לויפן און וואַנדערן ערגעץ וויט, וויט...

דער דאָקטער פון עקסידענטן

ווען מייקל מיט זיין פרוי אסתר זיינען אהיים געקומען פון דער גראַדואיר־צערעמאָניע מיטן דיפּלאָם אין זיין האַנט אַלס דאָקטאָר־מעדיצין, האָט ער מיט ליבשאַפט און באַגייסטערונג זיך געווענדט צו אסתרן:

„מיין טייערע, איצט וועט לאַנג שוין ניט דויערן ביז דו וועסט דיין ארבעט אויפגעבן און פירן אַ לייכטערן לעבן״.

„נאָך א פּאָר יאָר אַרבעט איז ניט אזא לאנגע צייט און דאַן וועלן מיר קאָנען געניסן פון לעבן״, האָט אסתר געענטפערט און ארומגענומען איר מאַן מיט גרויס צערטלעכקייט.

„יאָ, אָט די עקסטרע פּאָר יאָר וואָס דיר וועט נאָך אויסקומען מיר צו העלפן, טוט מיר זייער וויי. אָבער נאָך דעם? איך האָב ניט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן ווי אַנדערע רייכע דאָקטוירים צו קויפן אַ פּראַקטיק. מיר אַרט ניט פאר זיך, אָבער דו? דו האָסט אזוי פיל געטאָן פאר מיר און עס איז נאָך איצט קיין ענדע ניט. איך פיל זיך ווי שולדיק קעגן דיר. איך האָב דעם כבוד, איך האָב דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם געקראָגן. מיך גראַטולירט מען, אָבער אויך דו, מיין ליבסטע, האָסט דיין עקזאַמען אויסגעהאַלטן. דריי יאָר פאר מיר געדולדיק געאַרבעט, געהאָלפן, געטרייסט מיך. איך קוק אויס אויף דער גליקלעכער צייט פאר אלץ אָפּצודאַנקען דיר. ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט אַ זאָרגלאָז, רואיק און גליקלעך לעבן״, האָט מייקל מיט האַרץ גערעדט.

„גענוג, גענוג! דו באַליידיקסט מיך און איך ווער מיד פון דיינע דאַנק־געזאַנגען. וואָס איך האָב געטאָן איז עס פאר מיר אזוי ווי פאַר דיר און דו ווייסט ווי ליב און לייכט מיין ארבעט קומט מיר אָן, פילנדיק אז איך טו פאר דיין דערפאָלג, פאַר דיין און מיין צוקונפט״, האָט אסתר געענטפערט.

* * *

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען מייקל איז שוין געווען איינגעשטעלט מיט אַ קליינער פּראַקטיק פאר זיך, זיין נאָמען איז נאָך געווען ווייניק באַקאַנט, פלעגט ער אָפט זיין דער ערשטער צו געבן גיכע הילף פאַר פארשיידענע עקסידענטן, אויך אין אנדערע געלעגנהייטן, וועלכע עס פלעגן קומען אונטער זיין האַנט.

אַ פריילעכע, אַ גליקלעכע פלעגט אסתר קומען פון דער ארבעט און באַלד צולויפן צו מייקלען מיט א פראַגע:

„נו, ווי איז דיר היינט געגאַנגען? זיינען געווען פּאַציענטן?״

„נאָר א פּאָר. איך האָב זיי אָבער אָנגעוואָרן צוליב דעם וואָס עס האָט אין דרויסן זיך געמאַכט אַן עקסידענט. איך האָב זיי אין מיין אויפנעם־צימער ניט געפונען, ווען איך בין געקומען צוריק״, האָט מייקל מיט פאַרדרוס געענטפערט.

„ניט געזאָרגט! ניט געזאָרגט! עס איז נאָר 6 חדשים זינט דו האָסט דיין פּראַקטיק געעפנט, קאָנסט ניט דערוואַרטן צו זיין פיל פּאַרנומען אין אזא קורצער צייט. נאָר ניט געזאָרגט, טייערער, מיט דער צייט וועט מען דיך אַנערקענען", איז אסתר צוגעשפּרונגען צו מייקלען און אים ארומגענומען.

* * *

לאַנג און מאָנאָטאָן ציען זיך די טעג אין מייקלס אָפיס, אויסקוקנדיק אויף פּאַציענטן. אָפט בלעטערט ער זיינע מעדיצינישע ביכער, נאָר די זאָרג פאַר־טרייבט די געדולד זיי צו לייענען.

אָט קומט אריין אַ פרוי, אָרעם געקליידט און נאָכן ווערן אונטערזוכט פון דאָקטאָר און באַקומענדיק דעם רעצעפּט, רופט זי זיך אָפּ:

„דאָקטאָר, דאָ איז מיין אַדרעס, איר וועט שיקן אַ חשבון".

קורץ נאָך דעם קליגט דער טעלעפאָן:

„דאָקטאָר, קאָנט איר באַלד קומען? אָט, גלייך?" דערהערט זיך אַ וויינענדיק שטימע פון א פרוי.

„איך קום באַלד!" ענטפערט מייקל און פילט זיך זייער מוטיק — צוויי פּאַ־ציענטן אין איין שעה!

ווען מייקל איז מיט זיין קליינעם אַלטן אויטאָ אָפּגעפאָרן אַ פּאָר גאַסן, האָט ער דערהערט א שטאַרקן קלאַפּ פון צוויי זיך צוזאַמענשטויסנדיקע אויטאָס און אַ האַרצרייסנדיק געשריי פון אַ קינד. מייקל איז גיך צוגעקומען צום אָרט, גע־נומען דאָס פאַרבלוטיקטע קינד אין זיין קאַר און אַוועק צום שפּיטאָל. נאָך דעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן וויזיט וואָס ער האָט באַדאַרפט מאַכן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די פרוי האָט שוין געהאַט אַן אנדער דאָקטאָר. זי האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף אים.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז מייקל געזעסן אין זיין קאַבינעט, אָבער קיינער איז ניט געקומען.

ווען מייקל איז אהיים געקומען, איז אסתר ווידער מיט איר שטענדיקער צערטלעכקייט צוגעלאָפן צו אים און געפרעגט:

„ווי איז דיר היינט געגאַנגען? האָסט געהאַט פּאַציענטן?"

„נאָר איין פּאַציענט. איין וויזיט האָב איך ווידער אָנגעוואָרן צוליב אַן עק־סידענט", האָט טרויעריק מייקל געענטפערט.

„נו, פאַרפאַלן, די צייט וועט קומען. פאַראַן צו פיל דאָקטוירים, פאַר־בלאָנדזשען די פּאַציענטן און קומען ניט צום ריכטיקן דאָקטאָר. נאָר ניט גע־זאָרגט, טייערער, ווי לאַנג איך קאָן ארבעטן, קלעקט פאַר אונדז ביידן", האָט זי פריילעך און שטיפעריש אים געמונטערט.

„יאָ, מיין ליבע, דאָס איז גוט ווי לאַנג דו ארבעטסט. אָבער מער פון 4—5 חדשים וועסטו שוין ניט ארבעטן. איך וועל דיר ניט לאָזן ארבעטן ביז דער לעצטער מינוט..." האָט מייקל פאַרזאָרגט און מיט פאַרצווייפלונג צוגעגעבן.

„נו, איז וואָס? אין פיר־פינף חדשים שפּעטער וועט דאָ זיין געפּאַקט דיין וואַרט־צימער מיט פּאַציענטן און אַ רשימה מיט אַדרעסן צו באַזוכן קראַנקע אזוי גרויס..." האָט אסתר פונאַנדערגענומען די הענט ווי אָנצווייזן די גרויס.

* * *

אַ נייער טאָג איז געקומען. ווידער די לאַנגווייליקע וואַרטעניש און די מאָ־נאָטאָנקייט. ווען ניט ווען קומט ווער אריין. אין צווישן צייט באַזוכט מייקל אַ פּאָר קראַנקע. זיין בוך האָט שוין גאַנצע זייטן פארשריבענע חובות — אָבער געלט באוויזט זיך זעלטן. עקסידענטן פּאַסירן אָפּט, אויך אַנדערע פאַלן, און צווישן די עטלעכע דאָקטוירים פון דער זעלבער גאַס, איז מייקל אַלץ דער ערש־טער צו קומען צו הילף. אָבער זעלטן ווער עס צאָלט.

ווען מייקל פלעגט אהיימקומען האָט אסתר אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן אויף קראַנקע, זי האָט נאָר געפרעגט:

„נו, מיין טייערער, האָסט ווידער געהאַט אַן עקסידענט?"

„ניט אויסצוהאַלטן אסתר. אָבער צוליב דעם ארבעט מען אַפּ יאָרן לאַנג. צוליב דעם לערנט מען, כדי צו העלפן, גרינגער מאַכן יענעמס ליידן, פארלייכ־טערן די ווייטיקן. דאָס שאַפט מוט און געדולד צו זיצן יאָרן לאַנג איבער בי־כער און שטודירן, לערנען, וואַרטן און האָפן", האָט אָנגעפאַנגען מייקל פילאָ־סאָפירן.

„יאָ, דאָס אַלץ איז ריכטיק און איך פאַרשטיי דיך, אָבער דו ביסט ניט איינער אין גאַס, אָדער דער איינציקער דאָקטאָר אין שטאָט. דערצו פאַרלירסטו דורך דעם אזוי אָפּט באַצאָלטע פּאַציענטן!" האָט אסתר קריטיקירט מייקלס האַנדלונג.

„ביסט גערעכט! אין גאַנצן גערעכט! אין אזא צייט, אין וועלכער דו גע־פינסט זיך, קאָן איך פארשטיין ווי דו פילסט. מיין פליכט איז צו ווערן איצט מער פּראַקטישער. יאָ, איך פאַרגעס צייטנווייז מיין חוב קעגן דיר, קעגן זיך און קעגן א ניי לעבן וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט..."

* * *

עטלעכע יאָרן שפּעטער איז שוין מייקל געווען אין אַ שיין־אויסגעפּוצטן קאַבינעט מיט מאָדערנע איינריכטונגען; דאָ זיצט שוין א קראַנקן־שוועסטער, פאַרנומען איבער שווערע דיקע ביכער. עטלעכע פּאַציענטן וואַרטן, אַנדערע קומען, צאָלן חובות, אַנדערע באַשטעלן אַ צייט ווען צו זען דעם דאָקטאָר.

דער אָוונט קומט. אין מייקלס הויז איז ליכטיק און פריילעך. אַ שיין מיידע־לע, מיט גאָלדענע לאַנגע לאָקן שפּילט זיך און איר קינדיש־קלינגענדיק געלעכ־טער צעטראָגט זיך איבער די צימערן ווי שיינע מוזיק. באלד באוויזט זיך מייקל, דער באַרימט־געוואָרענער דאָקטאָר. ער קומט אריין א מידער, פאַרמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, פון באַזוכן קראַנקע, פון די אויפנאַמעס פון דער גרויסער צאָל פּאַציענטן אין זיין קאַבינעט. די הויז ווערט פריילעכער, ווי ד"ר מייקל טרעט אריבער די שוועל. ער קושט אסתרן, כאַפּט ארום מיט פּאָטערלעכער ליבע זיין קינד. אסתר פרעגט זיך שוין מער ניט נאָך וועגן קראַנקע, וועגן עקסי־דענטן. זי איז זיכער מיט איר מאַטעריעלער לאַגע, מיט איר באַקוועם לעבן און מיט דער ליבשאַפט פון איר מאַן און זייער קינד. זי איז גליקלעך און ווייסט ווי דאָס אָפּצושאַצן.

זיצנדיק ביים טיש אַן אָוונט זאָגט מייקל צו אסתרן:

„דו ווייסט, איך פיל היינט זייער שולדיק קעגן זיך אליין. גראַד ניט ווייט פון מיין קאַבינעט האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכער עקסידענט וועגן וועלכן איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט די איינצלהייטן. איך האָב געהערט דעם שווערן קלאַפּ פון אַן אויטאָ און דאָס שרייען פון מענטשן: אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר! ווו קריגט מען אַ דאָקטאָר? אָבער איך בין געווען פאַרנומען, שטאַרק פאַרנומען, ווי ניט הערנדיק וואָס עס טוט זיך ארום מיר בין איך ניט ארויסגעלאָפן, ווי איך פלעג עס טאָן אַמאָל. איך האָב געהערט די פּאַציענטן ריידן, אז דער מאַן איז שוין געווען טויט ווען דער אַמבולאַנס איז געקומען".

„איך זע ניט אין וואָס דו קאָנסט זיך באַשולדיקן", טרייסט אים אסתר, „ווען דער מאַן איז אויף אָן אָרט דערהרגעט געוואָרן. מיט וואָס וואָלסטו געקאָנט העלפן?"

„יאָ, דאָס ווייס איך גוט. דערצו איז אַן אַנדער דאָקטאָר געווען באַלד דער־ביי. אָבער איך דערקען זיך ניט. ווי אזוי קאָן איך רואיק בלייבן אויף אַ רוף? אויף אַ וויי־געשריי? און דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל. דו ווייסט ווי אָפט די אומגליקן פּאַסירן? און איך גיי פאַרביי, פאַרבלייב גלייכגילטיק. דאָס איז שרעקלעך!"

„דאַרפסט פארשטיין, מיין טייערער, אז עס פעלן ניט קיין שפּיטאָלן און דאָקטוירים, אזוי אויך גיכע הילף, אמבולאַנסן. קיינע פּריוואַטע דאָקטוירים קאָ־נען זיך מיט דעם ניט פארנעמען, נאָר אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן. דיין איי־גענע פּראַקטיק האָט דאָס באַוויזן, אז דו וואָלסט קיין צוקונפט, קיין דערפאָלג ניט געהאַט ווען דו וואָלסט לענגער זיך געפירט, ווי דיין גוט האַרץ האָט דיר דיקטירט, אין אָנהייב — ביז, ביז דו אליין האָסט איינגעזען, אז ניט דו אליין דאַרפסט פילן דעם יאָך און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון שטאָטישע אומגליקס־פאַלן, ווען ארום זיינען דאָ אזוי פיל דאָקטוירים", האָט אסתר אים געזוכט צו באַרואיקן.

* * *

יאָרן זיינען געלאָפן אין גליק און צופרידנקייט. עס איז געקומען אַ טונקל, פאַרוואָלקנטער טאָג. יענעם מאָרגן האָט שטאַרק גערעגנט, ווען דער דאָקטאָר, זיין פרוי מיט זייער שיין טעכטערל זיינען אויפגעשטאַנען נאָך אַ רואיקן, באַ־קוועמען שלאָף. דאָס מיידעלע איז צוגעלאָפן צום פאָטער און געזאָגט:

„פאָטער, גיכער, איך וועל זיין שפּעט אין שול, פיר מיך צו, עס רעגנט שטאַרק!"

„זאָרג ניט, מיין קינד! איך וועל דיך ברענגען אין צייט צום סקול", האָט מייקל זי באַרואיקט, צוגעצויגן צו זיך, ארומגענומען און געפרעגט וועגן די לערערס.

דעם גאַנצן מאָרגן האָט אָן אויפהער גערעגנט. דער הימל איז מיט געדיכ־טע וואָלקנס געווען פאַרצויגן. מייקלס וואַרטע־צימער איז געווען באַזעצט מיט קראַנקע. מייקל איז געווען אין גרויסער איילעניש. ער האָט נאָך אויך געהאַט צו באַזוכן פיל קראַנקע אין זייערע היימען.

פּלוצלונג האָט זיך דערטראָגן אַ רעש פון גאַס. אַ טומל, מענטשן לויפן, אויך פּאַציענטן זיינע זיינען ארויס. זיי האָבן איבערגעגעבן, אז ניט ווייט, אין

דער דערבייאיקער גאַס, איז אַ קינד איבערגעפאָרן געוואָרן. צו דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט א שטאַרקער קלאַפּ אין דער טיר פון דאָקטאָר:

„דאָקטאָר, דאָקטאָר, גיכער! אַ קינד איז אונטער די רעדער. קומט, העלפט, אפשר קאָן מען עס ראַטעווען", האָט אַ מאַן אין גרויס שרעק גערופן.

„אָט, איך קום באַלד, איין מינוט. דערווייל נעמט דאָס קינד אין דער נאָנטסטער הויז אריין. איך קום באַלד, ווי גיך נאָר איך וועל קענען".

ד"ר מייקל האָט אַ בליק געטאָן דורכן פענצטער און דערזען ווי דער אמבו־לאַנס קומט אָן. ער האָט רואיק געענדיקט מיט אלע זיינע פאַציענטן און גע־קליבן זיך גיין.

פלוצלונג האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען, ווען ער האָט זיך געפונען אויפן שוועל פון זיין קאַבינעט. ער האָט זיך געוואונדערט ווען ער האָט דערהערט די שטימע פון שפיטאָל־דאָקטאָר.

„וואָס? וואָס זאָגט איר? ניין! ניין! עס קאָן ניט זיין. איך פאַרשטיי ניט... מיין קינד? מיין קינד?" האָט מייקל מיט גרויס שרעק אויסגעשריען.

„יאָ, מיר איז שווער אייך דאָס איבערצוגעבן. עס האָט געדויערט צו לאַנג ביז אייער קינד האָט די ערשטע הילף געקראָגן. קומט באלד. איך וואַרט אויף אייך!"

* * *

דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז פון ד"ר מייקלס האַנט ארויסגעפאַלן. דורך דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס האָט זיינע אויגן פאַרצויגן, זיינען דורכגע־לאָפן די גאַנצע ריי יאָרן פון זיין מעדיצינישער פראַקטיק, פון די אלע לעבנס וועלכע זיינען דורך זיין האַנט באַשיצט געוואָרן. זיינע לעצטע עטלעכע יאָר פון גלייכגילטיקייט צוליב דעם גרויסן דערפאָלג וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, איז געווען פאר אים און זיין משפחה אַ גרויס אומגליק. זיין אייגן קינד, זיין טייער איינציק קינד, איז ער צוהילף ניט געקומען — — —

אַ קרעכץ האָט זיך פון זיין האַלדז געריסן. ער איז לאנג געשטאַנען ווי פאַרגליווערט.

אין פאַרגעסנקייט

אברהם האָט צוגעפירט לילין צו איר הויז, וווּ זי האָט געלעבט מיט אירע אָרעמע עלטערן, און האָט מיט איר אָנגעהאַלטן זיין שמועס:

„איך בין גרייט אויפצוגעבן אלע מיינע פלענער מיט וועלכע איך האָב זיך יאָרן לאַנג ארומגעטראָגן, ביז איך האָב דיך באַגעגנט. דו אָבער צעשטערסט מיין, און אויך דיין, גליק. דו דאַרפסט ניט שטיין אין וועג פון מיין קאַריערע. אמת, דאָס וועט טאַקע נעמען לאַנגע יאָרן און מיר וועלן זיין צעשיידט, אָבער די צייט וועט קומען ווען אונדזער גליק וועט זיין פארפולקומט. אָבער צו וואָס טויגן אלע דערגרייכונגען אָן דיר? פאַרוואָס ביסטו אַזוי גרויזאַם צו זיך און צו מיר?"

„ניין, אברהם", האָט לילי שטיל געענטפערט, „מיר האָבן גענוג שוין דער־פון גערעדט. איך זע אז אלץ שטייט ביי דיר העכער פון דיין ליבע צו מיר. דו ביסט גרייט מיך צו פאַרלאָזן, ארויסרייסן זיך צו דער וועלט מיט דיינע פאַרלאַנגען און ווילסט איך זאָל בלייבן דאָ אינעם קליינעם שטעטל און וואַרטן".

לילי האָט אָוועקגעריסן אירע אויגן פון אברהמען, אין וועלכע עס האָבן טרערן געגלאַנצט, אויף גיך האָט זי געעפנט די טיר און אָן א „זיי געזונט" איז זי אריין אין הויז.

* * *

אַ פּאַרקלעמטע איז לילי פאַרבליבן נאָך אברהמס אָפּפאָרן. מיט אַ פּוסט־קייט אין האַרצן, ווי מען פאַרלירט די ווערטפולסטע זאַך אין לעבן, אָן דער האָ־פענונג עס צוריק צו קריגן.

ווי אַן אָנגעשטעלט מעכאַנישע מאַשין איז לילי געגאַנגען צו איר ארבעט. זי האָט ווייניק גערעדט אין הויז צו אירע עלטערן. שעהן לאַנג פלעגט זי זיצן פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען און מיט טיפער בענקשאַפט געטראַכט פון איר פאַרלוירן גליק.

ווען ליליס עלטערן זיינען צוגעשטאַנען צו איר מיט פראַגעס, האָט זי קוים געקאָנט געפינען פאַר זיי אַן ענטפער. ביז ס'איז געקומען דער טאָג ווען זי האָט געמוזט פאַר איר מוטער אנטפלעקן דעם סוד, אז זי גייט געבוירן א קינד. די מוטער, דערהערנדיק די פינצטערע בשורה, האָט אויפגעציטערט. באלד איז זי באַפאַלן איר טאָכטער מיט שענדלעכע זידל־ווערטער, זי האָט אויך קיין קלעפּ איר ניט געקאַרגט. ווען לילי איז פון שאַנד און ווייטיק געפאַלן אויפן שטול, איז די מוטער אירע געקומען צו זיך און גענומען בארויקן לילין מיט צערט־לעכע רייד.

די צייט איז געגאַנגען. קיין ענדערונג איז ניט געווען צו זען. לאַנגע און שווערע שלאָפלאָזע נעכט האָבן פארביטערט דאָס לעבן פון ליליס עלטערן.

ביז איין טאָג זיינען אירע עלטערן געקומען אויף אַ פּלאַן. זיי איז געקומען אויפן געדאַנק דער עלטערער מענדל מאַרק, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגע־לעבט אין איינזאַמקייט צוליב דעם, וואָס זיין געליבטע איז געשטאָרבן צוויי וואָכן פאַר זייער חתונה. ער איז געבליבן טריי צו איר. מיט יעדן פאַרגאַנגענעם יאָר איז דאָס לעבן זיינס אַלץ שווערער און אומעטיקער געוואָרן. מענדל מארק איז רייך, קיין פאַמיליע האָט ער ניט. פאַרוואָס ניט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית צווישן לילין מיט אָט דעם עלטערן פיינעם מאַן, וואָס האָט ביי זיי אַלעמען ארויסגערופן רעספּעקט און א רחמנות־געפיל צוליב זיין טרויעריקער פאַר־גאַנגענהייט. לילים נאָמען וועט בלייבן ריין און אויך זייער שאַנדע וועט פאַרווישט ווערן.

פאַרגליווערט איז לילי געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערוווסט פון די פּלענער, וואָס אירע עלטערן מאַכן פאַר איר. אָבער זי איז געווען מאַכטלאָז, וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט פאַרשטאַנען אז זי מוז באַצאָלן פאַר די זינד אירע, ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. אברהם איז פאַר איר ווי אָפּגעשטאָרבן, ער לאָזט פון זיך ניט הערן. איר פאַרדאַכט איז געווען ריכטיק: ער ליבט זיך, זיין צו־קונפט. זי האָט באַשלאָסן ניט צו פאַרשוואַרצן אירע עלטערנס פּנים און געענ־מען ארויסווייזן נאָכגעביקייט און פליכטן צו איר נאָך ניט־געבוירן קינד.

וואָכן און חדשים האָבן זיך געקייקלט, לילי איז זיך אַלץ ברייטער פונאַנ־דערגעוואַקסן, אירע חלומות האָבן זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן. כאָטש די בענק־שאַפט האָט זי געפּייניקט אַלץ שטאַרקער מיט יעדן טאָג, איז לילי געווען שטאָלץ, אָבער זייער אומרואיק און פאַרחלומט. זי האָט געהאַט פאַרלאַנגען און גע־שטרעבט זיך ארויסרייסן פון דעם גליוּוער, האָט שטאַרק געבענקט נאָך אברהמען, וואָס האָט אַ גאַנצע וועלט מיט חלומות אָנגעצונדן אין איר מיידלשער נשמה. ווען אברהם וואָלט ניט געווען אַ שטיק הפקר, נאָר מיט מער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט אין לעבן, וואָלט רוען אויף אַן אָרט און זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ זיינע ווילדע קאַריערע־פאַנטאַזיעס — האָט לילי טרויעריק געטראַכט.

לילי האָט שטאַרק געוואָלט וויסן ווו אברהם איז פאַרפאַלן געוואָרן. אפשר האַלט ער טאַקע ביים דערגרייכן זיין פאַרלאַנג? אפשר שטודירט ער ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט און וועט ווערן א דאָקטאָר, אַ קינסטלער, א באַרימטער מענטש? און באַלד האָט לילין געגומען פּייניקן: אפשר לעבט ער גאָר אין נויט ערגעץ, אָדער גאָר חתונה געהאַט? אפשר האָט ער גאָר אַ געליבטע? און אפשר לעבט ער ניט מער? אָט די געדאַנקען האָבן לילין געפּייניקט טעג און נעכט.

די צייט איז געגאַנגען, יעדער טאָג איז ווי אַ שווערע משא געפאַלן אויף לילין. אין צווישן צייט האָט מענדל מאַרק אָפּט זיך באַוויזן. לילי איז געווען באַלאָדן מיט שווערע געדאַנקען. איין טאָג האָט זי באַשלאָסן צו ריידן מיט אים, פאַרטרויען אים איר סוד, דאַן וועט קיין צוויי וועגן מער ניט זיין. דער איידע־לער פיינער מענדל מאַרק וועט אוודאי מיט עקל זיך אָפּקערן פון איר. אָבער ווי פאַרוווּנדערט איז לילי געוואָרן, ווען מענדל מארקן האָט דאָס ניט אָפּגע־טרייסלט, נאָר פאַרקערט, ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון געפיל צו ווערן אַ פאָטער, אפילו פון אַ פרעמדן קינד. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון גליק

באַשאַנקען צו ווערן מיט צוויי ליבלעכע נפשות, פאַר וועמען ער זאָל קענען זאָרגן און דערמיט פאַרזיסן זיין עלנטקייט.

רואיק און צופרידן האָט לילי דערפילט, ווי זי טרעט אריין אין אַ נייער וועלט פון אַ באַקוועמען און לייכטן לעבן, אין דער באַשיצונג פאַר זיך און איר קינד.

* * *

אין אַ שיינעם ליכטיקן פרימאָרגן ווען זייער פינף יאָריקער זונעלע האָט מיט נאָך קינדער פריילעך זיך געשפּילט אין שיינעם צעבליטן גאָרטן, האָט דורכן אָפענעם פענצטער לילי דערזען פאַר זיך אַ בילד, וואָס האָט איר אָנגעפילט מיט שרעק. זי האָט דערזען אברהמען, וועלכער האָט פעסט אין זיינע הענט געהאַלטן איר קליינעם זון און געטוליעט אים צו זיך.

„אברהם, אברהם, לאָז אָפּ דאָס קינד!" — האָט לילי געשריען דורכן פענצטער.

אברהם האָט ארויפגעקוקט צום פענצטער און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנענטערט צום הויז.

לילי איז געשטאַנען קעגן אים אַ שטאָלצע און מיט טריאומף האָט זי שאַרף און האַרט אַ פרעג געטאָן:

„וואָס פאַרלאַנגט איר? נאָך וואָס זייט איר דאָ געקומען?"

„איך בין געקומען נאָך מיין זון!" האָט אברהם אויסגערופן, „ער איז מיינער און איך וועל אים קיינעם פאַר קיין געלט ניט אָפּגעבן. מיט דיין אייגן לעבן האָסטן געטאָן וואָס דו האָסט געוואָלט. דו האָסט ניט געוואָלט וואַרטן ביז איך וועל צו דיר קומען אַן אויפגעקומענער, אַ שטאָלצער, דערגרייכט צו וואָס איך האָב געשטרעבט. ביסט אוועק צו לוקסוס, צו אַ רייך און פוסט לעבן, דערשטיקנדיק אין זיך די צאַרטסטע געפילן וואָס דו האָסט אמאָל פאַר־מאָגט. איך וועל אָבער מיין קינד ניט אָפּגעבן!" האָט אברהם גערעדט מיט אַ שטימע, ווי פון אַ ריכטער צו אַ באַשולדיקטן.

„יאָ, אברהם, דיין האַנדלונג אָבער שטימט ניט מיט דיינע שיינע ווערטער. דו האָסט געוווסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דו האָסט מיך געלאָזן. דו האָסט געוווסט וואָס דו האָסט פאַרזייט, אָבער ניט געוואָלט אראָפּנעמען די פרוכט — אַ צו שווערע ארבעט צו וואָס דו ביסט ניט פעאיק געווען. איצט ביסטו געקומען עסן די פרוכט, די רייפע פרוכט! מענדל מאַרק איז אַ געטרייער פאָטער צום קינד און מיט די צערטלעכסטע געפילן באַציט ער זיך צו אים. ביי אים וועט דאָס קינד בלייבן. איצט, אויב עס טליעט נאָך אַ פונק פון מענטשלעכקייט אין דיין האַרץ, בעט איך דיך צו פאַרלאָזן מיין הויז און מער דאָ ניט קומען!" — האָט לילי מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע גערעדט.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז אברהם אוועק פאַרביטערט. ליליס אויגן האָבן מיט באַהאַלטענער בענקשאַפט אים באַגלייט.

רבקהלע

פאר דעם, ווי דאָס קליינע ליטווישע שטעטל האָט אָפּגעברענט, האָט יעדער זי גערופן די שיינע גוטע רבקהלע. זי איז געווען שיין, הויך געוואַקסן, שטענ־דיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, און אין אירע גרויסע שיינע אויגן אַ וואַרעם מילדער בליק, וואָס האָט איר צוגעגעבן פיל חן. זי איז געווען די גליקלעכסטע מיידל פון שטעטל.

רבקהלע איז געווען די איינציקע טאָכטער ביים גביר פון שטעטל. זי האָט ביי אירע עלטערן געהאַט פיל גוטס און פאַרגעניגן. זי האָט געלערנט ביי די בעסטע לערערס פון שטעטל. זומער צייט פלעגט זי מיט איר שוואַכער מוטער פאָרן אין די גרויסע שטעט, ווו איר מוטער פלעגט זיך קורירן. אין דער זעל־בער צייט פלעגט רבקהלע דאָרט אָפּגעבן עקזאַמענס, ווי דאָס האָט זיך געפירט אין יענע יאָרן.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס רבקהלע איז געווען אַ גבירס אַ קינד, האָט זי זיך געהאַלטן גלייך מיט אנדערע שטעטלשע אָרעמע מיידלעך — מיט יעדע פון זיי זיך געחברט און געווען נאָענט.

אָפט פלעגט זי פאַרבעטן אירע אָרעמע חברטעס אין זייער שיינער גרויסער הויז, פלעגט זיך זעצן ביי דער פּיאַנאָ און פאר זיי זינגען און שפּילן מיט געפיל און אומעט, ווי דאָס האַרץ אירס וואָלט איר פאַרגעזאָגט דעם שיקזאַל פון לעבן, וואָס האָט פאר איר צוגעגרייט טרויעריקע סורפּריזן...

ווען אין שטעטל איז אָנגעקומען אַ נייער לערער — אַ שיינער יונגער בחור — מיט וועמען רבקהלע האָט זיך באַפריינדעט, האָבן זיך ביי זייביידן געעפנט די יונגע הערצער, אָנגעפילט מיט ליבע איינער צום אנדערן. מיט די עלטערנס צושטימונג האָבן זיי גליקלעכע באַשלאָסן זייערע לעבנס צו פאַרבינדן.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון רבקהלעס חתונה. ס׳איז געווען אַ שיינער ליכטיקער זומער־טאָג. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געגרייט צו דער חתונה ווי צו א גרויסן יום־טוב. עס איז געפּראַוועט געוואָרן א גרויסאַרטיקע שמחה. א באַזונדערער מאָלצייט, ביי שיין געדעקטע טישן מיט די בעסטע מאכלים, איז געווען צוגעגרייט פאר די שטעטלשע און אָנגעקומענע אָרעמעלייט, און די כלה אליין האָט זיי באַדינט און אויך פאַרטיילט נדבות.

אין קיך פון מרדכי הירש און פייגע גיטל זיינען געשטאַנען ריזיקע טעפּ מיט פאַנען, אין וועלכע עס האָבן זיך געקאָכט און געפּרעגלט געשמאַקע מאכלים פאר דער גרויסער צאָל געסט וואָס מען האָט דערוואַרט.

אין שטוב איז מען געווען שטאַרק פאַרנומען. די מחותנתטע פייגע גיטל איז איצט ווי שטאַרקער געוואָרן — זי האָט גאָרניט געפילט איר שוואַכן געזונט,

און אַ פּאַרטומלטע, מיט פייכטע אויגן פון פרייד איז זי ארומגעגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, און ניט געוווסט וואָס פריער צו טאָן.

אין איר צימער ביים שפיגל איז געשטאַנען רבקהלע אָנגעטאָן אין איר חופּה־קלייד. די כלי־זמרים זיינען געווען גרייט אויפצושפּילן און די שטימונג איז געווען אַן אויפגעלייגטע.

עס האָט גענומען צופאַלן די נאַכט, די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. די כלה איז שוין געזעסן אויבן־אָן אויף א שיינעם אָנשפּאַר־שטול, אין א טייערע אַטלעסענע ווייסע קלייד, קליינע ווייסע בלימעלעך האָבן באַפּוצט איר כלה־שלייער. עס זיינען אָנגעקומען פיל חתונה־געסט. די כלי־זמרים האָבן געשפּילט, מיידלעך און ווייבלעך האָבן געטאַנצט. פּלוצלונג האָט מען אויסגערופן:

„אָט קומט דער חתן באַזעצן די כלה!"

די כלי־זמרים האָבן אויפגעהערט שפּילן און זיינען ארויס אנטקעגן דעם חתן.

רבקהלעס מוטער האָט זיך דערנענטערט צו איר טאָכטער, צוויי ליבע וואַרעמע שמייכלען האָבן זיך באַגעגנט — ביידע האָבן זיך ארומגענומען און צוקושט.

„גליקלעכע חתן־כלה", האָבן מענטשן אין דער שטיל גערעדט, „ביידע שיין און יונג, ביידע רייך און געבילדעט".

די מיידלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן מיט אָנגעצונדענע קאָלירטע ליכטעלעך, ווען דער חתן האָט באַדאַרפט פאַרבייגיין.

מען האָט זיך געלאָזט גיין צו דער חופּה, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שיינע פּראָצעסיע. די כלי־זמרים פאָרויס האָבן זיך געצויגן איבער די האַלב טונקעלע שטילע גאַסן צום שול־הויף. ווייבער מיט געפלאָכטענע קוילעטשן האָבן געטאַנצט אנטקעגן חתן־כלה. מחותנים און געסט זיינען נאָך דער חופּה אָנגעקומען נענטער צו דער כלהס הויז.

שפּעטער, ווען מען האָט מיט גרויס פרייד געפּראַוועט די שבע־ברכות, איז פּלוצלונג די ליכטיקייט אין הויז געוואָרן גרויס — פון קוימען האָט זיך באַוויזן אַ רויטער פלאַם, וואָס איז געווען באַדעקט פון רויך און זיך צעלייגט איבערן גאַנצן דאַך. עס איז אנטשטאַנען א מהומה:

„א פייער! א פייער! עס ברענט! א שריפה!"

דאָס פייער איז געוואָרן שטאַרקער מיט יעדע מינוט. אַ רויטער געדיכטער וואָלקן־רויך מיט פונקען האָט זיך געהויבן אלץ העכער צום הימל. די געשרייען זיינען געוואָרן שטאַרקער, מען איז געלאָפן. פרויען האָבן געחלשט און דער טומל איז אַלץ גרעסער געוואָרן. רויטע צונגען האָבן זיך געטראָגן פון איין שטוב צו דער אנדערער, הילצערנע און שטרויענע דעכער האָבן אויפגעפלאַקערט, ווי חלבנע ליכט. מען האָט גענומען טראָגן פּעק, בעטגעוואַנט, געכאַפּט פאַרשלאָפענע קינדער פון די בעטלעך.

מרדכי הירשס רייכע הויז איז אוועק מיט רויך און פלאַם.

רבקהלעס מאַמע, וואָס איז ניט לאַנג געווען די גליקלעכסטע מחותנתטע, האָט מיט איר שוואַכן געזונט דאָס ניט איבערגעטראָגן — זי האָט געקראָגן

אַ האַרץ אַטאַקע און געפאַלן טויט אויף אַן אָרט. רבקהלע האָט זיך איינגעקלאַ־
מערט אין איר טויטער מאַמען, און מען האָט זי קוים אָפּגעריסן.

די מוראדיקע און שרעקלעכע נאַכט, וואָס האָט געבראַכט אזוי פיל אומגליק און צער איז אריבער. מענטשן זיינען געשטאַנען האַלב נאַקעטע און באָרוועסע און באוויינט זייער האָב און גוטס וואָס איז אוועק מיטן רויך. ווי שטומע עדות פון גרויסן אומגליק זיינען געשטאַנען פארסמאַליעטע קוימענס, ווי אויסגע־טריקנטע סקעלעטן און האָבן געוואָרפן אויף יעדן אַן אימה.

* * *

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער שרעקלעכער נאַכט האָט מען די שיינע גוטע רבקהלען געפונען ניט ווייט פון זייער אָפּגעברענטער הויז, אויפן פעלד, ליגנדיק איבער איר טויטער מאַמען און זיך רייסנדיק די האָר פון קאָפּ. ווי אזוי זי האָט זיך געפונען אויף דעם דאָזיקן אָרט און ווי אזוי האָט זי דאָרט געבראַכט איר טויטע מאַמען, האָט קיינער ניט געזען און ס'איז פאַר אלעמען געווען אַ רעטעניש.

ווען מען האָט אוועקגענומען דעם טויטן קערפּער פון איר מאַמען, האָט זי אלעמען געטריבן און געשריען:

„אַוועק! אָט באַלד איז די חתונה. דער חתן קומט. שפּילט אויף כלי־זמרים, שפּילט! ווו זיינען אלע? ווו איז דער חתן? אלעמען האָט איר פאַר־טריבן. גיט מיר אָפּ מיין חתן! ברענגט א דאָקטאָר פאַר מיין מאַמען! — —"

און אין אזא צושטאַנד האָט מען זי שוין געזען ארומבלאָנקען איבערן שטעטל טעג און נעכט.

אַ נײַ לעבן

דער באַן האָט געהאַלטן ביים אָפּגיין, ווען פייגעלע האָט זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער אַ קוש צו טאָן איר מאַן:

געוויס באַנעמט ער ניט ווי צעשראָקן איך בין, טראַכט פייגעלע.

„פאַר געזונט און פּאַס זיך אויף, אין אַ וואָך אַרום קום איך דיר אָפּנעמען" — האָט יאַנקל שטיל אַ שעפּטשע געטאָן.

פייגלען האָט אַרומגענומען אַ פרייד, אויפכאַפּנדיק דעם בליק פון זיינע שיינע ברוינע אויגן. פאַר אַ מאָמענט האָט זי פאַרגעסן די שרעק, וואָס דאָס איצ־טיקע פאָרן צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַנס מוטער רופט ביי איר אַרויס.

„דו האָסט פאַרגעסן, ליבינקע, מיר צו ווייזן איר בריוו. איך ווייס, אַז זי איז זייער צופרידן מיט דיין קומען, אָבער וואָס איז וועגן אונדז? וועט זי דאָס אויפנעמען אַזוי שווער ווי דו מיינסט?" האָט יאַנקל שטיל געפרעגט.

„איך האָב איר ניט געשריבן, יאַנקל, עס וועט מיר גרינגער זיין איר עס צו דערקלערן ווען מיר וועלן זיך טרעפן. אין אַ בריוו האָב איך עס ניט געקאָנט מאַכן".

דער באַן האָט זיך גערירט פון אָרט און פייגעלע איז געווען צופרידן, וואָס זי איז פאַרבליבן אַליין. איצט וועט זי קאָנען אויספּלאָנטערן אירע געדאַנקען און טראַכטן ווי בעסער צו דערקלערן דודס מוטער וועגן איר חתונה האָבן מיט יאַנקלען. שרעק און אומרו האָבן זיך אויסגעמישט אין איר האַרץ. אין איר מוח איז שנעל דורכגעפלויגן די פאַרגאַנגענהייט. דריי שווערע יאָרן זיינען דאָס געווען, דריי יאָר וואָס האָבן זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג אין איר איינ־זאַמקייט. אין גאַנצן צוויי יאָר האָט געדויערט זייער גליק. ווען דער עראָפּלאַן מיט וועלכן דוד איז געפלויגן איז צעשמעטערט געוואָרן, איז אויך צעשמעטערט געוואָרן איר יונג לעבן.

צוויי און צוואַנציק יאָר איז זי דאַן אַלט געווען, אָן עלטערן, אָן קרובים, צו וועמען זיך צוצוטוליען. איר עלנט לעבן האָט זיך געצויגן ביז זי האָט יאַנקלען באַגעגנט... אָבער ווי וועט זי איצט דערציילן דודס מוטער, וועלכע האָט געוווּסט ווי ליב זי האָט געהאַט איר זון, אַז זי האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן. וועלכע ווערטער קאָן זי באַנוצן צו מאַכן זי פאַרשטיין אַז אין אַ ווינקעלע פון אַ מענטשנס האַרץ קאָן פאַרבלייבן די זעלבע ליבע צו דעם, וועמען מען וועט קיין מאָל מער ניט זען ווידער. אָבער ס'קאָן אויך אַ פרישע ליבע צו אַן אַנדער מענטש אויפברויזן אין דער זעלבער האַרץ.

דודס מוטער אַליין האָט אויך געהאַט בלויז זעקס יאָר פון גליק איידער זי איז געבליבן אַן אַלמנה מיט אַ קליין קינד, פאַר וועמען זי האָט געמוזט ווייטער לעבן. זי איז געווען רייך, יונג, שיין, אָבער זי האָט זיך געקוויקט מיטן געדאַנק,

אז נאָר מיט איין מענטש מוז מען בלייבן פארבונדן — אפילו נאָך יענעמס טויט... איר הויז איז טאַקע אָנגעפילט געוואָרן מיט איר פארשטאָרבענעם מאַן. זי האָט כסדר גערעדט וועגן אים, ווי וועגן א לעבעדיקן מענטש, און דאָס הויז איז געוואָרן ווי א לעבעדיקער אָרט ווו ער אָטעמט און לעבט זיין אייגן וועלט. אין איר קליינעם זון, דודן, האָט זי איינגעפלאַנצט דאָס געפיל, אז זיין פאָטער איז ווי אַן אומזעעוודיקער לעבעדיקער מענטש. זי האָט מיט לעבהאַפטיקע פאַנטאַזיעס אָנגעפילט זיין קינדיש הערצל, אין וואָס זי אליין האָט מיט דער צייט אויך אָנגעהייבן צו גלויבן.

פייגעלע האָט עס אלץ געוווסט, און ניט איין מאָל פלעגט זי מאַכן אַ שפּאַס מיט דודן: „אויב עס וועט, חלילה, טרעפן מיט דיר, וועל איך פילן פונקט אזוי ווי דיין מוטער...״ ווייל וואָס קאָן דען טרעפן צו א יונגן, שטאַרקן און לעבנס־לוסטיקן מענטשן? און דאָס לעבן האָט געשיינט פאר זיי ביידן פריילעך און וווּנדערבאַר.

און אז דוד איז אומגעקומען אין דער עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע האָט פייגע־לע געמיינט, אז זייער גרויסע ליבע וועט זיין גענוג צו וואַרעמען איר צעבראָכן האַרץ פאר א גאנץ לעבן. אָבער דאָס זיינען געוועזן זיכרונות אָן א קעגנוואַרט, וואָס האָבן געמאַכט אומעטיק איר האַרץ און פול מיט בענקשאַפט. די בריוו פון דודס מוטער אלע וואָך זיינען געווען די איינציקע טרייסט פון דער נאָנטער און גליקלעכער פארגאַנגענהייט.

פייגעלע האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרשע, ווו זי האָט געאַרבעט פריער. איר נייע ליבע פאר יאַנקלען האָט ניט קילער געמאַכט דעם וואַרעמען אָרט אין איר האַרץ, וואָס האָט געהערט צו איר ערשטער ליבע, צו דודן.

וועט דודס מוטער זיין אימשטאַנד דאָס צו פאַרשטיין? ווי וועט זי פילן צו איר, ווען איך וועל אויפדעקן פאר איר דעם אמת? דאָס האָט פייגעלע גע־טראַכט, ווען דער באַן האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט ווו איר שוויגער לעבט.

איר שוויגער האָט זי טאַקע אָפּגעוואַרט. איר לענגלעך פנים, אירע בלאָע אויגן און דאָס שמייכל האָבן איר דערמאָנט אָן דודן. מער ווי אַלץ דאָס שמייכל, דודס שמייכל! און ווידער איז דוד געשטאַנען ווי לעבעדיק פאר אירע אויגן. דורך אַ מאָדנעם וועג האָט ער זיך איבערגעטראָגן אין די האַלב־גראָע שמייכ־לענדיקע אויגן קעגן איר.

די מוטער האָט מיט ביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אין פייגעלען, זי געדריקט צו זיך. אירע הענט האָבן געציטערט. פייגעלע האָט נערוועז און אויפגערעגט ארומגענומען דודס מוטער און וואַרעם זי געקושט.

„דאָס איז וווּנדערבאַר, גוט וואָס דו ביסט געקומען״, האָט די שוויגער גע־מורמלט.

פייגעלע איז איר נאָכגעגאַנגען צום הויז, וואָס איז געשטאַנען טיף אין אַ שיינעם גאָרטן, דאָס הויז וואָס זי האָט אויפגעהאַלטן ווי אַן אָנדענק נאָך איר מאַן. פייגעלע האָט געוווסט, אז איצט איז עס ניט נאָר אַן אָנדענק נאָך דעם פאָטער, נאָך אויך נאָך דעם זון, נאָך דודן.

„זע דעם עפּלבוים, וואָס דוד האָט פארפלאַנצט מיט עטלעכע יאָר צוריק.

דער בוים לעבט, לעבט נאָך אלץ און וועט לעבן. שוין צוויי יאָר ווי אויף אים וואַקסן שיינע עפּל...״ האָט זי שטיל דערציילט פייגעלען.

ווען מען איז אַרויף אויף דער וועראַנדע, האָט פייגעלע באַמערקט אַ קינ־דערשע וויג אין גאָרטן, וואָס האָט נאָך אויסגעזען ווי ניי.

די שוויגער האָט באַמערקט ווי פייגעלעס בליק האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן וויג.

„די וויג האָט מיין מאַן צוגעגרייט נאָך איידער דוד איז געבוירן געוואָרן; אומגעדולדיק האָט ער געוואַרט ביז ס׳קינד וועט עס קאָנען נוצן...״ האָט די שוויגער ווי אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג וועגן דער וויג.

דאָס הויז איז פול געווען מיט פאָטאָגראַפיעס, דיפּלאָמען, אַטעסטאַטן, איינ־געראַמט און אָנגעהאַנגען אויף אַלע ווענט; ביכער, העפטן, אָנגעשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר, פאַרגעלטע פון אַלטקייט; אויך שיך, קליידער, היט. און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ווו דאָס אויג טוט אַ בליק, קלינגען די דאָזיקע ווערטער: „דערמאָן מיך! אייביק דערמאָן מיך!״

דאָס האָט אַרויסגעשריען פון אַלע ווינקעלעך און פון יעדער זאַך באַזונדער. אין שאָטן פון די אַלע זאַכן זיינען אויפגעוואַכט אין פייגעלען זיכרונות ווי אַלץ וואָלט צוריק געקומען צום לעבן. דער ווייטיק פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט באַרירט און געגלעט פייגעלען מיט קאַלטע טויטע פינגער... זי האָט געפילט, ווי די זאַכן רופן צוריק אַרויס דודן אין איר האַרץ. די אַלטע טויטע זאַכן האָבן גערייצט...

אין אַ באַזונדערן צימער זיינען אויף צוויי שטולן, לעבן אַ טיש, געזעסן צוויי מענער, פאָטער און זון, אַזוי ווי לעבעדיק, געמאַכט דורך די הענט פון אַ גוטן סקולפּטאָר. ווען פייגעלע האָט דאָס דערזען איז זי אויפגעציטערט געוואָרן. יאָ, האָט זי געטראַכט, דודס מוטער איז גערעכט פאַרן ניט חתונה האָבן ווידער. ווען איינע האָט אָט דעם גליק און פרוווט אַ צווייטן מאָל לעבן — קיין צווייטער לעבן קען שוין אָבער מער ניט זיין...

אפשר האָב איך ניט געדאַרפט קומען אהער, כדי זיך צו באַגעגענען מיט דערווירקלעכקייט? האָט פייגעלע אָן אויפגעציטערטע געטראַכט, ווען זי איז פאַרבליבן אין צימער, וואָס איז אַמאָל געווען דודס. אַלץ איז נאָך דאָ געשטאַנען ווי אַמאָל, און זי האָט זיך דערפילט נענטער צו אים, ווי מיט יאָרן צוריק. זי האָט דערפילט מיט ווייטיק, ווי זי וואָלט געווען שולדיק וואָס זי האָט געקאָנט דאָס אַלץ אַזוי גיך פאַרגעסן. אַ פאַרמאַטערטע פון לאַנגע שעהן טראַכטן וועגן עבר איז זי פאַרזונקען אין אַ מידן אומרואיקן שלאָף.

אין די קומענדיקע טעג האָט פייגעלע זיך שטאַרק געטוליעט צו איר שוויגער, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין מוט צו דערציילן דעם אמת. זי האָט אויך ניט געוואָלט צעשטערן די פרייד פון זייער פאַרברענגען צוזאַמען. זי האָט באַ־שלאָסן עס צו טאָן דעם לעצטן טאָג, איידער איר יאַנקל קומט איר אָפּנעמען אהיים.

קורץ פאַר איר אָפּפאָר האָט די מוטער זי געבעטן מאַכן איר היים צוזאַמען מיט איר — זי וועט ניט דאַרפן אַרבעטן און גאָרניט וועט איר פעלן.

פייגעלע האָט איר באַדאַנקט און אויסגענוצט די געלעגנהייט אויפצודעקן איר סוד: „פריער וואָלט עס טאַקע געקאָנט אַזוי זיין, אָבער איצט איז שפּעט,

צו שפּעט, — איך האָב חתונה געהאַט און מיין מאַן קומט מיר מאָרגן אָפּנעמען".

פייגעלען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. די מוטער איז געבליבן ווי פאַר־שטיינערט, אָבער גיך איז זי געקומען צו זיך, אַ שפּרייז געטאָן צו פייגעלען, זי אַרומגענומען און מיט אַ צערטלעכער שטים געזאָגט: „דערפאַר, מיין קינד, האָב איך געוואָלט דיך נעמען צו זיך. דאָ איז אַ גרויסע שטאָט מיט מער אינ־טערעסן ווי אין אַ קליין שטעטל, איז מיין האָפענונג געווען, אַז דו זאָלסט עמעצן טרעפן, עמעצן, ווער עס זאָל ווערט זיין צו פאַרנעמען מיין זונס פּלאַץ אין דיין האַרצן און פאַרזיסן דיין לעבן. איך אַליין האָב דעם טעות געמאַכט: נאָר מיט זיכרונות, מיט די בעסטע און שענסטע, קאָן מען די וועלט ניט דורכגיין".

„אָבער איר וועט דאָך אַלץ פאַרבלייבן לעבן אין אייערע זיכרונות". האָט פייגעלע שטיל און אומזיכער געפרווווט עפּעס זאָגן.

„יאָ, מיין קינד", האָט די מוטער טרויעריק געענטפערט, „גוט אַז דיר האָט עס נאָר דריי יאָר געדויערט איינצוזען און אויסצוגעפינען דעם טעות, מיר אָבער האָט עס געדויערט איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר. וויפל האַרצווייטיק, וויפל אומעט און טרויער וואָלט איך פאַרשפּאָרט, ווען איך וואָלט געמאַכט די דער־פינדונג גלייך ביים אָנהייב. און איצט, קוקנדיק אויף דיר, האָב איך דערזען ווי דורך אַ שפּיגל זיך אַליין, מיין פאַרוועלקטע יוגנט. איך פלעג שטענדיק טראַכטן פון דיר, ווי דיין צוקונפט וועט, אַזוי ווי מיינע, פאַרוואַנדלט ווערן אין שלאָפלאָ־זע, לאַנגע נעכט, אין טרערן, אין פוסטקייט, און אַזוי ווי מיין לעבן איז פאַרביי, וועט אויך פאַרביי דיינס".

„ניין", האָט פייגעלע כמעט ווי געוויינט, „כ'קען ניט אָפּפערן מיין לעבן פאַר אַ טויטן, אַזוי ווי איר, ניין, איך קאָן דאָס ניט טאָן, איך וויל האָבן דאָס רעכט צו לעבן ווידער, צו לעבן און צו ליבן — איז עס דען אַ פאַרברעכן?"

זי איז צו צו דער שוויגער, אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף איר האַלדז און געוויינט.

„איך ווייס, אַז איר זייט אַליין פאַרבליבן מיט אייערע צאַרטע געפילן און מיט אַ גרויסע, טויטע ליבע אין אייער האַרצן — איך באַוווּנדער אייך! איך האָב געמיינט, אַז דאָס זעלבע וועט קענען געשען מיט מיר, אָבער עס איז ניט אַזוי. איך קאָן ניט אויפבויען מיין צוקונפט אויף זיכרונות, שטענדיק זיך שפּייזן מיט זיסע פילן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ביז די זיסע פילן וועלן פאַר־וואַנדלט ווערן אין ביטערע. — ביטערקייט צו זיך, צו אַנדערע, צו דער גאַנצער וועלט. איך קען מער ניט פאַרבלייבן אין אַ פוסטן אַרום, נאָר מיט זיכרונות, אין אַן איינזאַם־פוסטע וועלט"... פייגעלע האָט געשלוכצט.

אין דער שוויגערס אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

העלפט קאָרמען דאָס קינד

(הומאָרעסקע)

שמיני עצרת אין דער פרי האָט משה באַזונדערס זיך געאײלט צו קומען אין שול, כדי ניט צו פאַרזאַמען יזכור. נאָר ביים ארויסגיין פון שטוב האָט זיין ווייב רייצל אים אָפּגעשטעלט מיט אַ געבעט:

„משה, זע, איין ווײלינקע, לאָז דעם קינד כאַטש אריינגעמען א פּאָר לעפל „פאַריטש" אין מויל".

„אָבער איך מוז גיין, איך וועל פאַרזאַמען יזכור, גענוג דעם גאַנצן יאָר זעט מען די שול פאַר די אויגן ניט אָן. קוים זיך צוגעכאַפּט יום־כפור און ראש־השנה פאַר אַ פּאָר שעה, זאָל איך היינט צו יזכור אויך פאַרזאַמען?" פרעגט משה ביים ווייב.

„אָבער איך בעט דיר, דאָס קינד האָט קיין זאך אין זיין מויל ניט געהאַט, איין מינוט, שטעל זיך נאָר אָפּ. מאַך אים אַן העוויה, מאַך אים עפּעס, ער זאָל וועלן עסן", בעט זיך רייצל ביי איר מאַן.

„ניט אויסצוהאַלטן פון דעם גזלן, מאַך אים אַן העוויה, מאַך אים. גענוג שוין זיך נאַריש מאַכן, וואָס ווילסטו האָבן פון מיר? ווילסט מיר מאַכן פאַר אַ קאָמעדיאַנט?" שרייט משה מיט פאַראיבל.

„זע נאָר, זע נאָר", קרימט אים רייצל מיט א גרימאַסע אויף איר פּנים נאָך, „אין דערהיים האָט שוין שיער ניט געהאַלטן ביי אַ גט, ווייל קיין קינד איז ניט געווען, און דאָ איצט, אז גאָט האָט אונדז געהאָלפן, ווילסטו אונדזער קינד פאַר־הונגערן? וואָס פאַר אַ טאַטע ביסטו?"

„אָבער איך זאָג דיר דאָך, רייצל, אז היינט איז שמיני עצרת איבער דער גאַנצער וועלט, מען זאָגט יזכור. קיין עלטערן, קיין ברידער, קיין שוועסטער האָב איך ניט, געבליבן פון מיין גאַנצער פאַמיליע עלנט אליין, זאָל איך נאָך ניט זאָגן קיין יזכור פאַר זייערע נשמות? וואָס ווילסטו האָבן פון מיר?"

„איך וויל האָבן? וואָס וויל איך דען? איך בעט דיר דען נאָך אַ „פּער־קויט"? אַן איבעריקע קלייד? די „פּערניטשע" איבערבייטן בעט איך דיר? פאַראַיאָרן געביטן — איז גענוג. און איך וואָלט ביי דיר געבעטן, וואָלט דאָך מיר אויך די גאַל ארויסקריכן ביז דו וואָלסט מיר פאָלגן. אָבער דאָס איז דאָך ניט פאַר מיר, פאַרן קינד — פאַר דיין איינציק קינד..."

משה כאַפּט די קליאַמקע ביים טיר, נאָר רייצל הייבט אָן שרייען:

„זע ווי דאָס קינד זעט אויס. קיין מוק פלייש ניט אויף זיינע ביינדעלעך. איינגעדאַרט, איינגעקוואָרט. נו זע, טו מיר א טובה, מאַך נאָר א פיינע העוויה — דו קאָנסט, אז דו ווילסט".

„בול־בול־בול!" נעמט האַסטיק משה אַ פינגער צו זײַנע ליפּן און קלאַפּט זײַן אונטערשטע ליפּ — אָבער דאָס קינד דרייט אַפילו דאָס קעפּל ניט אום.

„קיין אַנדער זאַך ווייסטו שוין ניט וואָס אים צו ווייזן?" האָט דאָס ווײַב טענות.

נעמט משה און פאַרקוועטשט די אויגן, בלאָזט אָן זײַנע באַקן, ווי צוויי באַלונען, און מיט זײַנע פויסטן קלאַפּט ער זיך אין די אָנגעבלאָזענע באַקן.

דאָס אַנדערטהאַלב יאָריקע קינד צעלאַכט זיך אויפן קול און ציט זיך מיט די הענטעלעך צום פּאָטער.

רייצל נוצט אויס דעם מאָמענט פון קינדס געלעכטער און רוקט אַריין אין זײַן מויל אַ קליין מיילכעלע אַ גרויסע לעפל „פּאַריטש". דאָס קינד פאַרקוועטשט זײַנע ליפּעלעך און פּורסקעט אַרויס דאָס גאַנצע עסן.

„גזלן?", שרייט רייצל, „וואָסטו זיך אָפּגעשטעלט: זעסט ניט אַז דאָס קינד האָט שוין געהאַט דאָס גאַנצע לעפל אין מויל. שווער איז דיר געווען נאָך אַ ווײַלע?"

„נאָך איין מאָל און איך גיי. עס ווערט שפּעט", שטייט משה ווי אויף שפּילקעס.

משה בייגט זיך איין, פּאַנגט אָן זיך דרייען אין אַ טענצל, נאָר דאָס קינד זאָל אַנהייבן עסן און רייצל זאָל אים שוין אָפּלאָזן. מיטאַמאָל גליטשט ער זיך אויס פון אַ שטיקל באַנאַנע־שאָלעכץ, וואָס דאָס קינד האָט אַ שמיץ געטאָן דער מאַמען אין פּנים אַריין, און עס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

„זע וואָס דו האָסט געטאָן צו דײַן דעדי, עס, נעם אין מויל. עפן דאָס מיילכעלע, פּליז, קינד מיינס, נעם אַ האַלבע לעפּעלע, אַ ביסעלע".

„זעסט, זעסט, תכשיט מיינער, וואָס דו האָסט געטאָן?" האָט משה זיך אויפגעהויבן.

דאָס זונעלע האָט אים צוגעשלעפּט צו זיך און אַ פּאַטש געטאָן דעם פּאָטער אין ביידע באַקן מיט זײַנע קליינע הענטלעך, און זיך געצויגן, געריסן צו אים, אַז ער זאָל אים אַרויסנעמען פון שטול. אָבער משה האָט זיך געאײַלט צו דער טיר.

רייצל האָט זיך אײַנגעקוקט אויף איר זייגערל און מיט צופרידנקייט געזאָגט:

„עס איז שוין סיוּוי שפּעט צו גיין, העלף מיר בעסער מיטן קינד..."

אויסגעטונקט אין טרערן

מאָטאָ:

אין אלע מיינע טרויער־ווערטער
געפּרוווט האָב איך דעם ווייטיק שטילן —
אַז אָך און ווײ דער מאַמען,
וואָס איר טאָג איז אַ פֿאַרשטערטער;
אין די נעכט מיט אומגליק טוט זי זיך פֿאַרשפּילן
און זוכט אַ טרייסט אין פּוסטע גראַמען — —

נייע לידער

(צו שבעה)

נייע לידער אָנגעשווומען —
די פעדער אין דיין האַנט נאָר האַלט!
פון דאָס ניי פּאָעמעס נעם זיך שרייבן
מיט טרערן ביטערע,
מיט אַ האַרץ ווי גאַל,
און אַ טרער — פאַרפרעס!
פאַרוואָס? פאַרוואָס?

זיבעציק איך —
זעקס און פערציק ער!...
אָ, שלעכט
ביטער,
שווער — —

פאַרגייט אין ליידן שעה נאָך שעה,
און דו — ביסט נאָך אַלץ נישטאָ.
טעג און טעג...
און איך טו די שעהן ציילן —
דער טיפער ווונד וועט זיך
מער נישט היילן.

טאָג נאָך טאָג

(צו די שלושים)

אין מיין טרויער שרייב איך,
ווערטער אויסגעטונקט אין טרערן
אויפן טויט פון זון מיינעם,
גרינגער וועט מיר שוין נישט ווערן.

פאַר מיינע אויגן זיין קורץ לעבן.
איך הער זיך צו צו אַלע טרייסט־רייד.
ווי אין אַ גראָען וואָלקן
איינגעהילט מיין לעבן איז אָן פרייד.

פון אַ מאַמעס טיפער בענקשאַפט
וויין איך אויס מיין קלאָג,
אין מיין האַרצן אַזאַ ענגשאַפט,
וואָס ווערט ערגער טאָג נאָך טאָג.

דרייסיק יאָר שפּעטער

דרייסיק יאָר שפּעטער —
איז היינט מיין האַרץ ניט בעסער.
אָפּגעריסן איז געוואָרן מיין לעבן דאַן,
ווען איך האָב פאַרלוירן מיין טייער־געליבטן מאַן —

און פאַרלוירן האָב איך איצט מיין קינד —
ווי איז מיר און ווינד!
שרייב איך ווידער ביטערע לידער,
אַז דאָס האַרץ זאָל נישט פּלאַצן פון דעם ציטער.

פאַרוואָס ?

פאַרוואָס ביסטו אַוועק אַזוי אומגעריכט
און געלאָזן אַ שוואַרצן וואָלקן הינטער זיך ?
דיין יונג לעבן איז מער נישטאָ — —
ווי גוט ס׳לעבן וואָלט זיך געצויגן ווייטער,
ווען דו ביסט נאָך דאָ,
מיט אונדז,
נאָך דאָ!

מיין בוים

געפלאַנצט האָב איך דריי ביימער אין מיין גאָרטן,
געפלאַנצט זיי און געגאַרט,
ביימער זען אין בליען, וואַקסן —
אויף דעם האָב איך געוואַרט.

גוט באַלוינט געווען מיין אַרבעט,
געשטראַלט האָב איך מיט פרייד און גליק.
איז אַ שטורעם אויסגעבראָכן:
פאַרשניטן איז מיין גרעסטער בוים —
פּוסט דאָס אָרט איז פאַרבליבן,
וווּ אַמאָל מיין בוים פלעגט שטיין...

געבליבן איז מיין גאָרטן אומעטיק און שטום,
נאָר פאַריתומטע צוויי ביימער אין אַרום.
דער גרעסטער בוים איז נישט געוואָרן —
איז אונדזער רו און פרייד פאַרלוירן.

פרילינג אין טרויער

(געהידמעט מיין שנור)

זיינען פינצטערע טעג אָנגעקומען —
נאָר אין דרויסן גרינט אַלץ,
שמייכלט און לאַכט.
און מיר — מיטן שטילן פאַרטרויערטן אומעט,
מיט אומעט ווערט אַלצדינג באַטראַכט.

ווערט דער אומעט אַלץ גרעסער,
ווען מען קוקט זיך צו
צו גאָלדענע שיין —
גאָלד, וואָס שווימט אין דער ווייטקייט אַריין
מאַכט פיל שווערער דעם פּיין.

און ס'שטעלט זיך אַ טרער אין די אויגן —
מיר ווייסן דאָך גוט צוליב וואָס,
ווען דער ליכטיקער פרילינג באַווייזט זיך,
שיינט ע ר פאַר די אויגן,
ווי פאַרוועלקטע, פאַרוויאַנעטע גראָז.

די פרייד נאָך דיר...

(צום ניט־דערלעבטן 17 יאָריקן חתונה־טאָג)

דו האָסט, מיין זון, נישט דערלעבט דעם היינט,
זיבעצן יאָר
פון דיין חתונה־טאָג
ביסטו שוין מיט טויט פאַרוועבט...
פינצטער, שווער איז אונדזער טאָג —
אומעטיק, פאַריתומט און מיט קלאָג.

שעהן, וואָס איך קאָן שוין מער נישט ציילן —
טרויער, פּיין, וואָס שטיקט.
וואָס דויערט עס נאָך? וואָס וואַרט עס נאָך?
ווי לאַנג וועל איך נאָך זיך מאַטערן?
שווער איז מיין בראָך!
שווער איז מיין וויי!

בין איך צופרידן מיט מיינע אַלטע טעג —
וואָס קירצער ווערט דער וועג...
נאָר איך קוק אויף די קינדער דיינע —
דאָס ביסל פרייד, די גאַנצע מיינע!

מיין ליכטיק בלאַט

(צו דער ערשטער יאָרצייט)

אַ בלאַט פון אַ שיין געוויקס
איז פאַרפלויגן אין דער לופט אַריין...
און איך — נישט גענוג באַוואונדערט האָב
זיין פאַרביקייט, זיין שיין.

און דער טרויער נישט פאַרשטעלט איז
צום יאָרצייט היינט.
אָ, ווי שיין דאָס בלאַט
האָט אין דער זון געשיינט...

מיין פריינט האָט מיר געזאָגט...

אַ פריינד האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„גענוג, גענוג ציען אויף זיך דעם טרויער —
אייער זון איז נישט טויט, נישט געשטאָרבן.
דער שטורעם האָט דעם בוים נישט איינגעבראָכן
און נישט צעשטערט זיין שיינעם וואוקס...

איז עס אמת, אַז דו לעבסט,
דו בליסט ווידער?
האָסט געלאָזן שפּראָצונגען פרישע —
נייע, זאַפטיקע און זיסע?

טאָ צו וואָס נאָך וויינען?
ווען איך זע דיך לעבן, קינד מיינס ליבער —
דו לעבסט, מיין קינד,
לעבסט אין דיינע קינדער ווידער!

מיין אוצר

מיין האַרץ איז פאַרבליבן
צעבראָכן, פאַרפּייניקט, באַטויבט,
זינט איך בין געוואָרן
פון מיין אוצר באַרויבט.

אַן אוצר אָן רייכקייט, אָבער מיט ווערט,
אַן אוצר — דער שענסטער, דער גרעסטער אויף ערד!
געגוססט, געשטאָרבן, אין ווייטאָק אין שטילן,
ס׳האָט מיין אוצר אין טויט זיך געלאָזן פאַרשפּילן.

צו וואָס ?

פאַרוואָס זיץ איך נישט איינגעוויקלט אין מיין טרויער,
מיט זכרונות נאָך מיין זון, שטיל און שטום ?
כ׳גיי אַרויס, הער זיך צו,
צו פריינט איך קום —
וואָס איז דאָס אַלץ פאַר מיר ?
צו וואָס נישט זיצן ביי פאַרמאַכטער טיר ?
וואָס פאַר נוצן איז איצט פאַר מיר
דאָס גיין, דאָס הערן און דאָס וויסן,
אַז מיין יונגער זון קאָן פון
גאָרנישט מער געניסן ?
צו וואָס זאָל איך נאָך וועלן לעבן ?
צו וואָס מינוטן פון פאַרגעסן,
ווען ווערעם מיין זונס יונגן גוף צעפרעסן ? . . .

פאַרשטומט וואָלט בעסער דאָס לידל געבליבן,
כ׳וואָלט בעסער עפעס אַנדערש געשריבן,
נאָר ס׳שרייבט זיך ניט מער פון לעבן אַרום —
אויף דעם איז מיין פעדער חדשים שוין שטום.

ס׳יאָגט און ס׳טרייבט נאָר,
ס׳גיסט זיך פון האַרצן,
חדשים שוין לאַנגע —
מיט ליד כ׳וויל פאַרשטילן די שמערצן.

דריי געטרייע, גוטע ברידער

דריי געטרייע, גוטע ברידער
זיינען זיי געווען.
געבליבן זיינען צוויי,
לאַנגע יאָרן זיי !

אָ, ווי אָך איז מיר און ווינד,
מיין דריטער איז אַוועק —
אזוי גיך, אזוי געשווינד,
מיין זון — מיין טייער קינד.

אַוועקגעפאַלן איז ער —
פלוצלינג, ווי אַ שטיין,
אָן די ליבסטע אַרום זיך,
אַזוי פלוצלינג אַזוי גיך.

זאָגט מיר

איך ווייס: איך בין ניט איינע,
צו מיר — טויזנטער אַזוינע,
טאָ וואָס טומל איך און רייס אין וועלטן —
קאָן דען ווער צוריקקערן, וואָס מיר פעלט?

וואָס מאַטער איך מיינע פריינד
מיט מיינע לידלעך היינט?
צו וואַרט איך דען אויף זייער הסכמה,
אַז די לידלעך — זיינען פיין מיסתמא?...

איז דאָס רעכט אַזוי?
אַז אַ מאַמע — אַ פּאַרוויינטע, מיט אַ שווער געפיל,
זאָל מאַכן פון איר ווייטאָק גאָר אַ שפּיל?
צי איז מיין קלאָג דען קלענער, זאָגט מיר, פריינד,
פון די אַנדערע, ווי איך, היינט?

און פון די פראַגן אָן אַ שיעור
קומט ניט קיין טרייסט צו מיר —
טאָ וואָס דען זאָל איך טאָן?
זאָל איך זיצן מיט פאַרלייגטע הענט,
שטום און נאַריש קוקן אויף די ווענט?
זאָל איך פאַרוואַרפן פעדער מיט פּאַפּיר
און בלייבן קרעכצן: אוי וויי איז מיר?

וועט דען ווערן בעסער?
וועט די פרייד דען ווערן גרעסער?
זאָגט מיר, זאָגט מיר, מיינע פריינד —
אייער ענטפער איז מיר נייטיק היינט!...

זעקס און פערציק יאָר פאַרשאָטן

האָט אַ קבר אָפּגעוואַרט
פריש און אָפן —
הענט האָבן — ווי אַ קינד אַן איינגעשלאָפן —
לייכט אַראָפּגעלאָזט אים
און — זעקס און פערציק יאָר פאַרשאָטן — —

נישט דערלעבטע טעג

„האַלט מיך פעסט, שטאַרק איז די ערד —
ס׳ווערט מיין גוף אין איר פאַרצערט.
פרעסן ווערעם מיין געביין —
מיט אַ מאָל אַ גרויס געוויין:
אַ געיאָמער אַזוי שווער און שוואַרץ,
ווי די ערד אויף מיין אויסגעמאַטערט האַרץ.
ווער רייסט קריעה זיך אין הויט?
ווער באַקלאָגט אַזוי מיין טויט?
ריר איך מיט מיין שאַרבן־קאָפּ,
קוק אַרויף און קוק אַראָפּ.
שטרעק דעם האַלדז און קוק זיך צו
ווער־זשע שטערט דאָ מיר מיין רו?
ריר איך, שפּיר איך מיט די הענט,
טאַפּ איך אָן די שוואַרצע ווענט״.
ערשט איך האָב דעם קול דערקענט...
„מיינע שעהן, מיינע טעג,
אויסגעוואָגלטע אין וועג,
נישט דערחלומט, נישט דערלעבט,
זיי האָבן זיך צו מיר דערשלעפּט״.

ווערט אַלץ שטאַרקער דאָס געוויין:
האָסט געלאָזן אונדז אַליין,
וואָגלען מיר — יתומים אום,
טרייבן זיך אין ווינט אַרום,
בלאָזט דער ווינט — שטויב אויפן וועג —
דיינע נישט דערלעבטע טעג.

שקיעה

פאַלט די זון אַוועק
ס׳ענדיקט זיך איר טאָג, עס קומט פאַרגאַנג —
מיך מאַכט עס פול מיט קלאָג און אומרו,
און מיטן אָנזאָג פון אונטערגאַנג...

אין ווײ און טרערן

פֿאַרטריקנט די טרערן ווערן,
שטום איז מײן געוויין,
ס׳דריקט אַלץ מער און מער,
ווי אַ שווערער שטײן.

ווו נעמט מען זײ די טרערן,
צו מאַכן ווײך דעם שווערן שטײן ?
פֿאַרטריקנט זײנען שוין די טרערן,
פֿאַרשטומט ווערט מײן געוויין.

איך וואָלט נישט אָפּווישן די טרערן —
זאָלן זײ פֿאַרטריקנט ווערן,
זאָלן זײ צעדריקן און צעפּרעסן
דער מאַמעס פֿאַרשטײנערטן האַרץ.

צי פֿאַרשפּיל איך זיך מיט מײנע לידער ?
צי פֿאַרפֿרירן מײנע גלידער ?
אומזיסט רײס איך די טיפֿע וווּנדן,
טיפֿער, טיפֿער, ווידער, ווידער.

איך וויל דעם ווײטאָק
פֿון זיך נישט טרײבן,
צו וואָס זאָל איך דען רויִק בלײבן ?
צו וואָס אַרומגײן שטום און שטיל,
מיט פֿאַרשטומטן ווײטאָק, ווי אָן געפֿיל ?

פֿאַרשפּיל איך זיך מיט רײד
און צערײס אויף זיך מײן הויט.
פֿון לידער ווערט אַביסל בעסער —
און ס׳ווערט מײן קלאָג נאָך גרעסער...

איך האָב נישט מער שוין וואָס צו שרײבן,
איך קאָן מיט ווערטער די לײדן נישט פֿאַרטרײבן —
ווי אַזוי זאָל איך בלײבן לעבן ?
ווער וועט עס מיר פֿאַרגעבן ?

ס׳איז מײן האַרץ פּוסט פֿאַרבליבן
און מײן ווײטאָק אויף אַ האָר נישט פֿאַרטריבן —
טרערן קומען, טרערן גײען,
און שאַרפֿער, טיפֿער מײנע ווײען.

זיך פֿאַרשפּילן, ווי אַ קינד . .

(צו אליהוס 47טן — פּוסטן געבוירנטאָג)

בין איך ווי אַ קראַנקער קינד געוואָרן —
אַ קינד, וואָס שווערער ער איז קראַנק,
אַלץ מער שפּילעכלעך אַרום אים,
ער זאָל נישט זיין אומעטיק און באַנג.

קומט אָן צום קינד
דער שאַרפער ווייטאָק —
שטופּט ער די שפּילעכלעך פון זיך,
צעשרייט, צעוויינט זיך ביטערלעך.

דוכט אים: די טרערן, זיין געשריי
שוואַכן אָפּ דעם שאַרפן ווײ —
שאַרט ער ווידער צו
די שפּילעכלעך — וואָס ברענגען אים אַ ביסל רו.

איז דאָך דאָס אַ קינד!
אָבער איך? איך?
צי פאַרגעס איך ווײלעווייז אָן זיך?
צי פאַרגעס איך וואָס מיך פּעלט?
אַז פאַרגליווערט איז מיין וועלט?
אַז פלוצלינג איז אַרויס מיין קינדס נשמה?
אַז פאַרשוווּנדן איז
מיין קינד, מיין נחמה?

צי קאָן איך אויך פאַרגעסן?
איז דאָס נישט קיין זינד?
זיך פאַרשפּילן
ווי אַ קינד? . . .

גראַמען

מיין האַרץ איז מיט ווייטאָק פול,
דורך אים איך פּרוּוו מיין קלאָג און יאָמער טרייבן —
ווי איז צו אַ צעבראָכענער מאַמען,
אַז זי זוכט טרייסט
איר קינד צום לעבן אויפצורופן דורך — גראַמען.

איך קום צו דיר צוגיין...

פֿאַרבלייב איך נאָר מיט זיך אליין,
פֿאַר די אויגן — דיין געשטאַלט,
אַ דריק עס טוט אין האַלדז,
און אַ שפּאַר פֿאַרשטיקט געוויין.

אַנדערש קאָן נישט זיין —
איך ווייס:
צוריק וועסטו נישט קומען,
מיין קינד, מיין קלוגער, ליבער זון.

זאָלן בעסער טרערן גיסן,
שטאַרק זאָל ווערן דאָס געוויין,
מיין קינד, דו וואַרט אויף מיר, אין גיכן —
איך קום צו דיר צוגיין...

מיין זונס קול

„וואָס זוכסטו, מאַמע, דיין טרויער צו פֿאַרשטויסן,
צו פּוצן, שליפֿן שורות אין דיין צער, דעם גרויסן?
גאַנצע טעג דו זוכסט, דו קלערסט נאָר,
פֿאַרטיפֿט אין אומעט־שפּיל, מיט ווערטער.

„מיט דיין פּעדער צאַצקעסטו די גראַמען,
ס׳זאָל דיין לידל קלינגען האַרמאָניש און צוזאַמען.
האָסטו ווערטער פֿיל געקליבן —
יעדע שורה כסדר איבערגעשריבן.

„ווילסטו מיך אין שורות פֿערזיקע פֿאַרצאַמען?
מיין אָנדענק אויספּוצן, פֿאַרגלעטן מיט די גראַמען?
אָ, מאַמע, ניין, ניט דו קענסט מיין טויט באַשרייבן,
אפֿילו נאָך יאָרן גריבלען זיך און ווערטער קלייבן.

„איך הער אָפּט דיין געוויין, ווי אַ געפּילדער,
אַ שרייען, קלאָגן, ווילדער אַלץ און ווילדער —
ווי לאַנג וועסטו אַזוי זיצן ווי אין חלום?
דיין לידל איז דאָך גאָרנישט, ס׳איז הבל הבלים.

„וועסט מיר שוין אין לעבן נישט קענען באַגרייפֿן,
מעגסטו טויזנטער מאָל נאָך ווערטער שלייפֿן,
דיינע טרערן וועלן בלויז דיין צער פֿאַרשווענקען —
דו זאָלסט מיר אין ליבשאַפֿט אַלעמאָל געדענקען״.

אַוועק אַ יאָר

אַ יאָר אַוועק —
אַ לאַנגער, שווערער.
דער ווייטאָק איז פאַרבליבן,
דער פּיין — גרעסער, מערער.

ס׳דריקט און נאָגט
דאָס האַרץ, אַלץ שווערער,
דער שוואַרצער וואָלקן
ווערט ניט העלער.

מיין זון — א יאָר אין דער ערד —
בלייבט דאָרט ליגן.
פרי דיין לעבן אָנגעוואָרן,
כ׳האָב דיך פרי פאַרלאָרן!

איך זע דיך אין דיין קבר —
שטום און פינצטער...
פאַרוועלקטע דיינע גלידער,
דיין שיין פּנים — שטראַלט נישט ווידער.

קאָנסט מיין שטימע מער נישט הערן,
קאָנסט ניט זען דער מאַמעס טרערן —
דאָס קאָן דיך צוריק נישט מער
צום לעבן און צו שיין אומקערן.

די מצבה

אַז כ׳האָב דערזען דעם שטיין,
דעם גרויסן און דעם שווערן,
פֿאַרציטערט האָט מיין האַרץ;
און גענומען האָב איך פּלוצים
נאָך מער פֿאַרשטיין,
ווי ווייט, אָפּגעריסן
ביסטו פֿאַרבליבן טיף, אַליין.

כ׳קאָן נישט מער די ערד, די ווייכע
פֿון דיין קבר טאַפּן,
אַ קליין שטיינדעלע נישט מער,
באַרירן און פֿאַרכאַפּן.

דריקט דער שטיין
האַרט און שווער,
שיין באַפּוצט — נישט מער,
פֿאַר פֿ ר ע מ ד ע אויגן נאָר.

נאָך דער יאָרצייט

דער יאָרצייט־טאָג איז פֿאַרביי,
שווער דאָס האַרץ איז ווי בליי,
אָט ביסטו געווען, געזאָרגט, געשטרעבט,
חלומות פֿאַר דער צוקונפֿט האָסט געוועבט.

פֿול מיט טרויער אָנגעפֿילט דאָס האַרץ,
פֿינצטער זעט די וועלט איצט אויס און שוואַרץ.

אָ, אליהו, פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי געווען?
פֿאַרוואָס האָבן מיר עס ניט פֿאָרויסגעזען,
אַז דיין לעבן הענגט אַזוי אויף אַ האָר.
געקומען איז דער פֿינצטערער טאָג
און געפֿאַלן ביסט, ווי פֿון אַ פּלאָג.

וואַכערהייט

אַ יאָר אַוועק און נישט געקומען ביסטו,
קינד מיינס, מיר צו חלום,
נאָר וואַכערהייט שטעלסט זיך לעבעדיק אַוועק,
ווי אין די ווייטע טעג אַמאָל,
וואָס זיינען שוין פאַרשוווּנדן און פאַרמעקט.

זע איך דיר ביים לעבן נאָך
און טו צו דיר אַלץ ריידן
פון די שיינע, העלע צייטן,
וועלכע וועלן זיך צוריק ניט בייטן.
אָט די גאָלדענע זיכרונות
לאָזן מיר אַ רגע נאָר פאַרווײַלן...
אָ, אליהו האַרציקער!
נישט ווייט איז צווישן אונדז
פאַרבליבן שוין די מײַלן...

דאָס לעצטע ליד

ווידער און ווידער
דער טרויער כאַפּט אַרומעט,
שטופּט אַרויס דאָס ביסל פרייד
פון מיין געמיט.

האָט דערנענטערט זיך
מיין לעצטער זומער?
דורך טרויער־טעג — וואָס מאַכן אַזוי מיד,
וואָס יאָגן מיך און טרייבן: שרייב ס'לעצטע ליד?

ווערט מען גאָר צופרידן
פון די אָנקומענדיקע לעצטע טעג,
וואָס פאַרקירצן גיך
דעם שווערן לעבנסוועג.

מיין חלום

איין איינציק מאָל
אין חלום דיך דערזען:
דערזען האָב איך
דיין טייער, שיין געזיכט.

איך האָב געשטרעקט
צו דיר די הענט,
אָבער אויפהאַלטן אַ ווײַלע לענגער
כ'האָב דיך נישט געקענט.

גיך ביסטו פאַרשוואונדן,
און מיר געלאָזן מיט די וואונדן.
פאַרבלייב איך ווידער
מיט מיינע קלאָג-לידער.

אין פאַרבן-שפיל
פון וואָרט און קלאַנג,
פאַרגאַנגען איז פאַר מיר
דיין שטים מיט דיין געזאַנג.

* * *

געהאַט האָב איך אַ טאַטן מיט אַ מאַמען,
האָבן זיי גליקלעכע געלעבט צוזאַמען,
מיט שוועסטער צוויי טייערע און שיינע,
און אַ ברודער אַ געראָטענעם — נאָר איינעם.

און אַלע זיינען זיי דאָרט אומגעקומען
דורך די מערדער, אין אַ טאָג פון זומער:
טאַטע-מאַמע, שוועסטער און דער ברודער,
דער גוטער, גרויסער און באַרימטער.

* * *

האָב איך קיינעם נישט געקאָנט פאַרגעסן,
בין מיט מיינע קינדער, אייניקלעך געזעסן.
איז מיין בעכער פון טרערן נאָך נישט פול געווען פאַר מיר —
האָט אַ ווינט אַ בייזער אויפגעפראַלט מיין טיר.

דער טויט ארייגעריסן האָט זיך פינצטער, שטום
און האָט אוועקגערויבט פון מיר מיין עלטסטן זון,
מיט אונדז איז ער
נישטאָ שוין מער.

צוזאַמען מיטן פרישן ווונד אין האַרצן
האָבן זיך געעפנט אַלטע שמערצן,
אַלטע, נייע, אַלטע...
פליסן טרערן הייסע פון די אויגן —
לאַנג שוין אויסגעוויינטע, קאַלטע.

אויף דעם עראָפּלאַן

א.

איך לעב, איך גיי,
איך פלי אַרום —
נאָר דו, מיין קינד,
ליגסט שטום.

איך פלי,
אין הימלען — פול מיט שיין;
ווי זאָל איך, קינד,
פאַראייביקן דיין זיין?

ב.

זיץ איך אין עראָפּלאַן
און זוך נאָך אַ וואָרט,
צי קאָן אָבער אַ וואָרט
ברענגען דיך צום לעבן?
נאָר דיין בילד וועט אויף דעם טאָוול זיין געדרוקט
מיט מיינע אַלע האַרצרייסנדיקע ווערטער,
וואָס איך טראָג נאָך דיר —
צי קענען זיי דען עפענען די טיר,
צום לעבן?
אָ, ניין!
דו בלייבסט
אונטערן שווערן שטיין —
אָן אַ טיר אַרויסצוגיין...

מיין זונס קבר

כ׳שטיי פאַראבלט, קאָפּ אין צער געבויגן,
דער קוואַל פון טרערן טריקנט אין די אויגן,
פאַרשווונדן ס׳לעצטע פּיצעלע נחמה,
ס׳יאָגט מיט חושך אָן אויף דער נשמה.

כ׳שטיי איבער דיין קבר — איבער תהום אַ שוואַרצן,
קיין ברעקל טרייסט ניטאָ איז אין מיין האַרצן —
בעסער אויסגערונען וואָלט מיין אויג געוואָרן,
ווי דיין מצבה כ׳שטיי אזוי פארפראָרן.

כ׳האָב אומזיסט געוואַרט, כ׳האָב נאָך אַלץ געהאָפט,
נאָר גרויזאַם־שווער בין איך געשטראָפט —
צו שטיין דאָ, קוקן אויף דעם האַרטן שטיין,
וואָס פרעסט מיין יונגן זונס געביין.

יאָרן

(פאַר מינען — אַ טייערע פריינד)

עס פליען די יאָרן,
עס קריכן די טעג.
קורץ ווערט דאָס לעבן
און נענטער צום ברעג...

אַ זומער, אַ ווינטער —
אין חושך אַ שטראַל;
אַ בלי, וואָס פאַרוועלקט גיך —
די פרוכט טוט אַ פאַל...

אַ הימל מיט שטערן,
און נעפּל — אַרום,
עס שטיקן דיליידן,
פון ווייטאָק איך שטום...

מיינע טרויער־לידער

מיינע טרויער־לידער זיינען נישט צום לויבן,
זיינען אויך נישט ליטעראַריש און דערהויבן —
איך פאַרמאָג דאָך נישט קיין טיטלען,
כ׳האָב אויך ניט קיין וויסן און דעם שעפערס מיטלען.

נאָר דורך טרויער און דורך פיין געשריבן,
מיט טרערן און מיט בלוט פון האַרצן —
האָב איך דורך פינצטערע און שווערע שעהן
מיינע לידער אָנגעקליבן.

אַ טיר

מיינע טרויער־לידער וועגן דיר
עפענען זיך —
אַ טיר.
און ווידער —
אַ קליין בוך,
אַ ביכל, וואָס בלייבט אָפן,
נאָר פאַר ווונדן . . .
אין זיינע בלעטער
פון לעבן דאָס גערוך.